# דער
# פרשה קוואל

צוזאמען גענומען
פון די שמועסן פון

מורינו הגה"צ
**רבי אברהם אלימלך**
**בידרמן** שליט"א

עקב

מכון
באר האמונה

בס"ד

# דער פרשה קוואל

פאר קאמענטארן און הערות:
mail@derparshakval.com
718.484.8136

פאר גרעסערע באשטעלונגען (USA):
Wholesale@BeerEmunah.com

*באקומט די גליונות וועכענטליך אין אייער אימעיל בחינם*

## זיך איינצושרייבן

לשה"ק
**באר הפרשה**
subscribe+subscribe@beerhaparsha.com

אידיש
**דער פרשה קוואל**
yiddish+subscribe@derparshakval.com

אנגליש
**Torah Wellsprings**
Torah+subscribe@torahwellsprings.com

היספאניש
**Manantiales de la Torá**
info+subscribe@manantialesdelatora.com

פראנצויזיש
**Au Puits de La Paracha**
info+subscribe@aupuitsdelaparacha.com

איטאליעניש
**Le Sorgenti della Torah**
info+subscribe@lesorgentidellatorah.com

רוסיש
**Колодец Торы**
info+subscribe@kolodetztory.com

**ארה"ב:**
Mechon Beer Emunah
1630 50th St, Brooklyn NY 11204
718.484.8136

**בארה"ק:**
מכון באר האמונה
רח' דובב מישרים 4/2
עיה"ק ירושלים תובב"א
025 688 040

**יו"ל ע"י מכון באר אמונה**
2026 © כל הזכויות שמורות להמכון

עס איז נישט ערלויבט איבערצודריקן אויף קיין שום צורה ואופן, אויף צו פארקויפן אדער פארשפרייטן פאר אייגינע אינטערעסן אן שריפטליכע ערלויבעניש פון די מכון

# אינהאלט

## פרשת עקב


לא תירא מהם - אמונה אַליין העלפט מער ווי תפילות און בקשות ........................ ד

מה ה' אלוקיך שואל מעמך - מורא האָבן פאַרן אויבערשטן דורך מאַכן אַ גדר ................ ט

ליראה את ה' אלוקיך - דער גוטער שכר פאַר יראת שמים, און פאַר גדרים און סייגים ........... יא

חמשה עשר באב - הכנה צום קומענדיגן יאָר הבעל"ט ...................................... טו


**ספה"ק בת עין**

**עוֹד נִרְאֶה לְפָרֵשׁ הַכָּתוּב עַל עִנְיַן אַהֲבָה וְשָׁלוֹם שֶׁבֵּין אָדָם לַחֲבֵירוֹ** נאך קען מען מפרש זיין די פסוק (והיה עקב תשמעון) אויף די ענין פון 'אהבה' און 'שלום' צווישן איינעם און זיין חבר, **כִּי אַהֲבָה נִקְרָא סוֹף** ווייל אהבה ווערט אנגערופען 'סוף', **כְּמַאֲמַר הַכָּתוּב** אזוי ווי עס שטייט אין פסוק (במדבר כא, יד) **'אֶת וָהֵב בְּסוּפָה'** , הַיְינוּ וָהֵב הוּא בְּחִינַת אַהֲבָה וואס די ווארט 'והב' מיינט 'אהבה', כִּדְאִיתָא בַּגְּמָרָא (קידושין ל:) אזוי ווי עס שטייט אין גמרא, **וְגַם וָהֵב גִּימַטְרִיָּא אַהֲבָה** אויך די ווארט 'והב' איז בגמטריא אהבה (13), **וְגַם שָׁלוֹם נִקְרֵאת סוֹף** און אויך די מדה פון שלום ווערט אנגערופען 'סוף', **שֶׁהוּא בְּסוֹף כָּל בִּרְכַּת כֹּהֲנִים** ווייל ס'ווערט דערמאנט צום סוף פון ברכת כהנים. **וְזֶהוּ מִצְוַת עֲשֵׂה שֶׁל וְאָהַבְתָּ לְרֵעֲךָ כָּמוֹךָ** (ויקרא יט, יח) **שֶׁהוּא כְּלַל גָּדוֹל בַּתּוֹרָה** (תו"כ יט, מה) און דאס איז די מצוה פון 'ואהבת לרעך כמוך' וואס ווערט אנגערופען א גרויסע כלל אין תורה. **וְהָעֵצָה לָזֶה** און די עצה כדי צוצוקומען צו די מידה פון ואהבת לרעך כמוך איז, **לָשׂוּם תָּמִיד לְלִבּוֹ** ער זאל שטענדיג לייגען צו זיין הארץ, **כִּי כּוּלָּנוּ בְּנֵי אָב אֶחָד נָחְנוּ** אז אונז זענען אלע קינדער פון איין טאטע, **בְּנֵי אַבְרָהָם יִצְחָק וְיַעֲקֹב** קינדער פון אברהם יצחק און יעקב, **וְאַחִים אֲנַחְנוּ** און אונז זענען ברידער, **וְעַל יְדֵי זֶה יַגִּיעַ לוֹ אַהֲבָה וְשָׁלוֹם לְכָל אָדָם כְּאָחִיו** און דורך דעם וועט אים דערגרייכען אהבה און שלום צו יעדן מענטש אזוי ווי ער וואלט געווען דיין ברודער.

**וְלָזֶה מְרַמֵּז הַכָּתוּב** און דאס איז די פסוק מרמז, **וְהָיָה 'עֵקֶב' תִּשְׁמְעוּן**, רְצוֹנוֹ לוֹמַר די פסוק מיינט צו זאגען, **תִּשְׁמְעוּן בְּחִינַת עֵקֶב** מען זאל זיך צוהערן צו די בחינה פון 'עקב', **בְּחִינַת אַהֲבָה הַנִּקְרֵאת 'עֵקֶב – סוֹף' כַּנַּ"ל** וואס דאס מיינט די בחינה פון אהבת ישראל ווערט אנגערופען 'עקב', און ווערט אויך אנגערופען 'סוף' ווי דערמאנט אויבן אנפאנג די תורה, **וְעַל יְדֵי זֶה 'וּשְׁמַרְתֶּם וַעֲשִׂיתֶם אוֹתָם' וְגוֹ'** און דורכדעם וועט איר מקיים זיין די תורה. **וּבִזְכוּת שֶׁזְּכַרְתֶּם אֶת הָאָבוֹת** און אין דעם זכות וואס איר געדענקט די אבות, **שֶׁעַל יְדֵי זֶה הִגַּעְתֶּם לִבְחִינַת אַהֲבָה וְשָׁלוֹם** וואס דורך דעם פון געדענקען די אבות אברהם יצחק יעקב זענט איר אנגעקומען צו די בחינה פון אהבה און שלום, **עַל כֵּן** וועגן דעם וועט מקויים ווערן וואס די פסוק זאגט ווייטער, **'וְשָׁמַר ה' אֱלֹהֶיךָ לְךָ אֶת הַבְּרִית וְאֶת הַחֶסֶד אֲשֶׁר נִשְׁבַּע לַאֲבוֹתֶיךָ'** אז השי"ת וועט אפהיטען פאר דיר די בונד און די גוטס (חסד) וואס ער האט טאקע געשוואוירן פאר דיינע עלטערן, **וְיָבוֹא מָשִׁיחַ צִדְקֵנוּ בִּמְהֵרָה בְיָמֵינוּ** און משיח צדקינו וועט שנעל קומען אין אונזערע טעג, **אָמֵן כֵּן יְהִי רָצוֹן.** **(פרשת עקב ד"ה והיה עקב תשמעון)**


תשו"ח להוצאת "גליון בת עין" באידיש

סדר ועימוד: **א.י.ש. אשדוד**

# פרשת עקב

## לא תירא מהם - אמונה אַליין העלפט מער ווי תפילות און בקשות

מיר לייענען אין דער היינטיגער פרשה (ז, טו) 'והסיר ה' ממך כל חולי', זאָגט דער ירושלמי (שבת פי"ד, ה"ג) אַז 'כל חולי' מיינט מען 'רעיון'. דאָס מיינט, די זאָרג[א]. דו זאָלסט נישט האָבן קיין זאָרג. דו זאָלסט זיך נישט אָפּרעדן, וואָס זאָל איך טוהן אַז איך האָב נישט זוכה געווען צו א ברכה, און איך בין אַרומגענומען מיט דאגות פון אַלע זייטן, סיי וועגן מיין פרנסה, סיי וועגן דעם חינוך פון די קינדער, דער מעדיצינישער 'פייל', און ווען וועט שוין נעמען אַן עק צו דעם גאַנצן סכסוך מיט די קרובים אָדער שכנים, א.א.וו.

ס'איז דאָ איין עצה ווי אַזוי זיך צו קענען 'ספּראַווען' מיט אַלע דאגות און זאָרגן. די עצה איז אמונה: 'עצתו אמונה'. דער מענטש דאַרף זיך שטאַרקן מיט אמונה, צו וויסן אַז דער שליסל צו די טויערן פון הצלחה איז אין די הענט פון דעם אויבערשטען, און די גאַנצע טובה און ברכה קומט נישט פון מענטשן'ס אייגענעם כח, נאָר פון דעם אויבערשטען. ווען דער מענטש גלייבט אין דעם באמונה שלימה, פאַרשטייט ער אַז ער האָט נישט וואָס צו זאָרגן איבער זיין פרנסה און זיינע באַדערפענישן[ב], ווייל סיי ווי זענען אַלע וועגן פון הצלחה פונעם מענטש אין די הענט פון דעם אויבערשטען[ג], און געפינט זיך אין 'גוטע הענט' כביכול, און ממילא,

---

**א.** ווייטער זאָגט דער פסוק, 'וכל מדוי מצרים הרעים אשר לא ידעת לא ישימך בך ונתנם בכל שונאיך'. איז שווער, אויב ער זאָגט שוין וכל מדוי מצרים הרעים וגו', פאַרוואָס דאַרף ער אויך זאָגן 'והסיר ה' ממך כל חולי'. ס'איז דאָך אַ דאָפּלטער לשון?

איז דער תירוץ, אַז ס'איז דאָ אַ מענטש וואָס האָט נישט קיין ווייטאָג און קיין מיחושים, און מיט דעם אַלעם, דאַכט זיך אים אין זיין דמיון אַז ער איז 'קראַנק' ח"ו מיט אַ געוויסע קראַנקהייט רח"ל אָדער אַנדערע ווייטאָגן, און פון זיינע פילע דמיונות ווערט ער טאַקע חלילה בפועל נישט געזונט ה' ירחם. אויף דעם האָט די תורה געדאַרפט זאָגן אַ באַזונדערע ברכה, והסיר ה' ממך כל חולי'.

**ב.** מיר האָבן שוין געזאָגט אַמאָל, אַז דאָס וואָרט 'דאגה' האָט די ערשטע פיר אותיות פון די א'-ב' (א, ג, ד, ה), אָבער נישט דעם אות ב', ווייל ב' איז דאָך מרמז אויף 'בטחון', און **אַז דער מענטש האָט בטחון, האָט ער ממילא נישט קיין שום זאָרג**. נאָר דער וואָס עס פעלט אים בטחון, זאָרגט זיך אייביג...

ענליך ברענגט דער 'בית אהרן' (ע' קמג) אין נאָמען פון זיין טאַטן, הרה"ק רבי אשר סטאָלינער זי"ע, אויפ'ן פסוק (ישעיה כח, טז) **'המאמין לא יחיש' - 'לא ידאג'. דער מענטש וואָס גלייבט אין באַשעפער, האָט קיינמאָל נישט קיין דאגות.**

אין דעם בנין אין בני ברק, וואו עס האָט געוואוינט דער גאון רבי אברהם גניחובסקי זצ"ל, ראש ישיבה פון דער טשעבינער ישיבה 'כוכב מיעקב' אין ירושלים, האָט אַמאָל אויסגעבראָכן אַ שריפה רח"ל, וואָס האָט שטאַרק געפלאַקערט, און אַלע איינוואוינער פון דעם בנין האָבן פאַרלאָזט דעם בנין און געוואַרט מיט 'געדולד' אויפ'ן גאַס, ביז די פייערלעשער וועלן ענדיגן די אַרבעט פון לעשן דעם פייער. די מקורבים פון רבי אברהם האָבן געציטערט איבער דעם גורל פון זיינע כתבי יד, וואָס ווי באַקאַנט, פלעגט ער מחדש זיין וואונדערליכע חידושים און ער האָט זיי פאַרשריבן. ער האָט פאַרמאָגט אַזעלכע כתבי יד אין די טויזנטער, וואָס ווער ווייסט אויב זיי זענען נישט פאַרברענט געוואָרן חלילה, אָדער געשעדיגט געוואָרן אין די וואַסערן וואָס די פייערלעשער האָבן געגאָסן צו פאַרלעשן דאָס פייער. 'מי במים ומי באש'... רבי אברהם איז אָבער געשטאַנען רואיג און געלאַסן נעבן דעם הויז, און נישט אַרויסגעוויזן קיין שום דאגה.

ווען אַ איד האָט אים געפרעגט אויב ער איז נישט באַזאָרגט איבער זיין גאַנצער האָרעוואַניע וואָס איז מעגליך געגאַנגען לטמיון, האָט רבי אברהם געענטפערט מיט זיין חכמה: 'בדאגה... בדאגה...'. **אַ איד האָט נישט קיין אָרט צו דאגה'ן. נאר איינמאָל אַ וואך דאַרף מען 'זאָרגן'... ווען מ'טוט אָפּשערן די נעגל פון דער רעכטער האַנט, וואָס**

**מ'דאַרף עס אָפּשערן לויט'ן סדר פון 'בדאגה'** (ווי דער רמ"א שרייבט אין סימן ר"ס סעיף א', אַז פריער דאַרף מען אָפּשניידן דעם נאגל פונעם רעכטן פינגער וואָס שטייט אויף דער רעכטער זייט פונעם 'אגודל', און עס ווערט גערופן 'אצבע', דערנאָך שניידט מען דעם פערטן נאָגל וואָס ווערט אָנגערופן 'קמיצה'. דערנאָך דעם ערשטן פינגער, דעם 'אגודל', און פון דאָרט גייט מען אַריבער צום דריטן פינגער, וואָס דאָס איז דער 'אמה'. צום סוף דעם פינפטן - 'זרת')...

## מן הבאר

דער גאון רבי משה פיינשטיין זצ"ל זאָגט אויף די פסוקים אין דער היינטיגער פרשה (ח, ג-ד) 'ויענך ויריעבך ויאכילך את המן, שמלתך לא בלתה מעליך', אַז **אויב די אידן וואָלטן זיך נישט אָפּגערעדט אויף דעם אַז זיי וועלן נישט האָבן וואָס צו עסן, וואָלטן זיי אינגאַנצן נישט געדאַרפט עסן**, נאָר צוליב חסרון אין אמונה וואָס זיי האָבן געמיינט אַז ס'איז נישט מעגליך אָן עסן, און **זיי האָבן זיך געזאָרגט און זיך אָפּגערעדט** אין דער צייט ווען זיי זענען נאָך בכלל נישט געווען הונגעריג, דאָס האָט גורם געווען אַז זיי האָבן נישט זוכה געווען אַז זיי זאָלן נישט דאַרפן האָבן די שפּייז, און זיי זענען געוואָרן הונגעריג, און דער אויבערשטער האָט זיי געמוזט אַראָפּשיקן דעם מן.

דאָס זאָגט דער פסוק, **'ויענך' זיי האָבן זיך אַליין 'געפּייניגט'** אַז זיי וועלן נישט האָבן וואָס צו עסן. צוליב דעם זענען זיי געווען הונגעריג: **'ויריעבך'**. און דער פסוק ברענגט אַ ראיה דערצו, ווייל איר זעט דאָך אַליין אַז ענקערע קליידער זענען נישט קאַליע געוואָרן - **'שמלתך לא בלתה מעליך'** - ווייל אויף די קליידער האָט איר נישט געבעטן און זיך נישט אָפּגערעדט, וועגן דעם האָט עס זיך געהאַלטן און איר האָט טאַקע נישט געדאַרפט האָבן אַנדערע קליידער און שיך. דאָס זעלבע וואָלט געדאַרפט פּאַסירן מיט'ן ברויט, נאָר וויבאַלד איר האָט זיך אָפּגערעדט דערויף, האָט איר נישט זוכה געווען דערצו. (דרש משה', פרשתינו)

הרה"ח ר' ישראל הארטין ע"ה, פון די עלטערע חסידישע אידן פון פוילן וואָס האָט זוכה געווען איבערצולעבן די מלחמה, האָט דערציילט, אַז אַמאָל פאַר דער מלחמה, האָט ער געזען אויף די גאַסן פון וואַרשע אַן עלטערן איד וואָס האָט געאַרבעט פאַר פרנסה צו פאַררעכטן פענצטערס, און ער האָט געשלעפּט אויף זיינע אַקסל גרויסע שווערע שטיקער גלאָז. איז ר' ישראל צוגעגאַנגען כדי צו העלפן דעם עלטערן איד, מקיים צו זיין די מצוה פון 'עזוב תעזוב'.

דער זקן האָט אָבער נישט מסכים געווען ער זאָל אים העלפן. ער האָט געזאָגט, 'הער מיך אויס, בחור, איך בין שוין העכער נייַנציג יאָר, בלי עין הרע, און איך בין נאָך אַלץ ביי די כוחות. וועסטו אַוודאי פרעגן: פון וואו נעם איך אַזעלכע כוחות? וועל איך דיר ענטפערן: איך האָב איינמאָל געטוהן אַ גרויסע טובה פאַר דעם הייליגן רבי'ן ר' בונם פון פשיסחא זי"ע, און ווען דער רבי ר' בונם האָט מיך געפרעגט וואָס פאַר אַ ברכה איך וויל דערפאַר, האָב איך אים געענטפערט אַז דער רבי זאָל מיך בענטשן אַז איך זאָל זוכה זיין חתונה צו מאַכן אַלע מיינע קינדער בהרחבה, און איך זאָל אייביג האָבן פרנסה בריוח. האָט דער רבי ר' בונם מיר אָנגעוואונטשן ווי פאָלגנד: **איך ווינטש דיר אַז קיין זאָרגן זאָלסטו קיינמאָל נישט האָבן, ווייל דער וואָס זאָרגט, באַקומט נישט פונעם אויבערשטען. דער אויבערשטער גיט נאָר ווען מ'בעט אים'.**

דער איד האָט אויסגעפירט: 'איך בין שוין, ברוך השם, אויף דער עלטער. איך האָב חתונה געמאַכט מיינע קינדער מיט גרויס הרחבה, ס'האט מיר קיינמאָל נישט געפעלט קיין געלט. דו זעסט דאָך אַז איך נאָך ברוך השם ביי די כוחות'...

דער משגיח פון דער פּאָניעוועזשער ישיבה אין בני ברק, הגה"צ רבי יחזקאל לעווינשטיין זצ"ל, פלעגט זאָגן, עס זענען דאָ אויף דער וועלט צענדליגער טויזנטער בעלי חיים, וואָס קאָלערן זיך אין די מיסטן וכדומה, און ס'זעט אויס ווי זיי האָבן נישט ווער עס זאָל זאָרגן פאַר זייער פרנסה. און נישט נאָר דאָס, נאָר מ'טרייבט זיי אַרויס פון אומעטום, און פונדעסטוועגן, איז אַ 'בעל חי' נאָך קיינמאָל נישט געשטאָרבן פון הונגער... ווייל דער אויבערשטער שפּייזט אַלע זיינע באַשעפעניש, מקרני ראמים עד ביצי כינים! **און אויב ס'איז אַזוי ביי בעלי חיים, איז דאָך אַוודאי ביי מענטשן, וואָס זענען באַשאַפן געוואָרן מיט אַ צלם אלקים, אַז דער אויבערשטער טוט זיי נישט פאַרלאָזן זיי זאָלן חלילה נישט האָבן וואָס צו עסן, ממילא איז נישט דא וואָס צו זאָרגן...**

האָט ער נישט וואָס זיך צו זאָרגן איבער קיין שום זאַך אויף דער וועלט.

די גמרא זאָגט (פסחים קיח.) אַז די שפּייז (פרנסה) פון מענטש איז דאָפּלט שווער ווי דאָס געבוירן אַ קינד,

---

מורא'דיגע ווערטער, שרייבט דער 'דרך פקודיך' (מל"ת לד, חלק הדיבור), אַז דאָס **זארגן און האָבן צער ווען ס'איז נישט במקום מצוה, איז פון די 'אביזרייהו' פון 'לא תרצח'.** און ווער וויל דען זיין ח"ו צווישן די וואָס הרג'ענען מענטשן ה' ירחם.

אַ חשוב'ער איד, הרב ברוך לעווין שליט"א, וועלכער וואוינט אין דער גאָלדערס גרין געגנט פון לאָנדאָן, האָט אונז אַריינגעשיקט אַ בריוו וואו ער שרייבט דאָס פאָלגנדע: ער האָט אַ געשעפט צו פאַרקויפן אויגן-גלעזער. אין אַ טאָג האָט ער באַקומען אַן איינלאַדונג צו אַ חתונה, און צו דער איינלאַדונג איז געווען צוגעשריבן אַ ספּעציעלע איינלאַדונג צו קומען אויך צו דער סעודה. רבי ברוך האָט זיך זייער געוואונדערט דערויף, ווייל ער האָט נישט געהאַט אַ ספּעציעלן קשר מיט'ן מחותן. ער האָט אָבער אָפּגעמאַכט ביי זיך, אויב אַ איד לאַדנט מיך צו די חתונה פון זיינס אַ קינד, וועל איך זיך באַטייליגן אין דער שמחה, כאָטש ס'וועט זיין פאַר מיר אַ טירחא.

אָנקומענדיג אַהין, האָט ער געטראַכט ביי זיך, פאַרוואָס בין איך אַהער געקומען? איך קען דאָך דא נישט קיינעם, און איך זיץ איינער אַליין ביי אַ טיש... אַזוי איז ער געזעסן ביז'ן סוף פון דער סעודה, און ווי נאר מ'האָט אָנגעהויבן טאַנצן, האָט ער זיך אויפגעהויבן און פאַרלאָזט דעם זאַל אַהיימצוגיין.

דאַן האָט אָבער פּאַסירט אַ מורא'דיגע זאַך: דער מחותן האָט זיך אויסגעגליטשט און איז געפאַלן אויף דער ערד, און זיינע אויגן-גלעזער זענען צעבראָכן געוואָרן אויף פּיצלעך... ס'איז אים געוואָרן פינצטער פאַר די אויגן, ווייל ער האָט ברילן אויף אַ נומער 10 (וואָס מ'רופט אין אַנדערע ערטער, נומער 1,000), און אָן דעם זעט ער גאָרנישט... האָט ר' ברוך זיך דערמאַנט אַז ער האָט ביי זיך אין קאר ברילן מיט דעם נומער (וואָס ער האָט אָנגעגרייט פאַר אַ קונה), און ער האָט עס אַוועקגעגעבן פאַר'ן מחותן, און די חתונה איז, ברוך ה', ווייטער אָנגעגאַנגען ווי פריער.

אַ צייט שפּעטער, האָט דער בעל שמחה באַגעגנט רבי ברוך, און אים באַדאַנקט פון טיפן האַרצן אַז ער האָט אים געראַטעוועט אין טאָג פון זיין שמחה. רבי ברוך האָט אים געפרעגט פאַרוואָס ער האָט אים געשיקט אַן איינלאַדונג צו די חתונה, און דער איד האָט אים געענטפערט: איך ווייס נישט פאַרוואָס, ווייזט אויס אַז ס'איז געווען 'בטעות'.

למעשה, האָט מען אָבער געזען אַז דאָס איז גאָרנישט געווען אַ 'טעות', נאָר דער אויבערשטער, וועלכער פירט אַלעס מיט השגחה פרטית, האָט שוין צוגעפירט, אַז אַפּאָר וואָכן פאַר דער חתונה, זאָל מען שיקן אַן איינלאַדונג **'בטעות'**, צו אַ איד וואָס ס'איז נישט פאַרהאַן אַ ספּעציעלע סיבה אים איינצולאַדן, כדי ער זאָל קענען ברענגען זיינע אויגן-גלעזער פאַר דעם מחותן, אַז זיין שמחה זאָל נישט געשטערט ווערן ח"ו...

**ג.** עס שטייט אין ספר 'חמדת דוד' (פ' ויצא, ד"ה 'הבה לי'), אַז ער האָט געהערט פון קאָצקער רבי'ן זי"ע, פאַרוואָס געפינען מיר אַסאַך מענטשן וואָס מיט זייער גאַנצע השתדלות פאַר פרנסה, פאַרדינען זיי נישט אַפילו אַ העלפט פון דעם וואָס זיי דאַרפן האָבן. די הוצאות זענען 'איבער'ן קאָפּ', און ס'איז נישט דאָ גענוג צו שפּייזן דאָס הויזגעזינד. האָט דער קאָצקער רבי געזאָגט, אַז דאָס איז צוליב דעם ווייל דער אויבערשטער וויל אַז די מענטשן זאָלן זיין אָנגעוואונדען אויף אים און אויף זיינע פילע חסדים, אַז **דער מענטש זאָל פאַרשטיין אַז אָן דער הילף פונעם באַשעפער האָט ער גאָרנישט, ער לעבט נישט פון דעם וואָס ער 'אַרבעט'.** צוליב דעם האָט דער אויבערשטער געמאַכט אַז זיינע הכנסות זאָלן זיין ווייניגער ווי די הוצאות. דאַן וועט ער אנערקענען די נסים פון באַשעפער וואָס ער שפּייזט די גאַנצע וועלט, און ער וועט איינזען אַז טראָץ דעם וואָס ער פאַרדינט אַזוי ווייניג לעבט ער נאָך, ער און זיין משפחה האָבן ב"ה ברויט צו עסן און קליידער אָנצוטון.

ממילא, אויב דער מענטש איז קלוג, אנערקענט ער באַלד אין אָנהייב אַז אַלעס איז פון דעם באַשעפער. דאַן וועט אים גוט זיין, ער וועט געבענטשט ווערן פונעם אויבערשטען מיט פרנסה בריוח, ווייל **דער אויבערשטער וויל נישט אַז אידישע קינדער זאָלן זיך פּלאָגן ח"ו, ער וויל נאָר אַז זיי זאָלן זיך פאַרלאָזן אויף אים.**

אַזוי שרייבט דער 'מאירי' (חיבור התשובה, א, א) אויפן פסוק אין דער היינטיגער פרשה (ח, יב-יד) 'פן תאכל ושבעת, ובתים טובים תבנה וישבת וגו', ורם לבבך ושכחת את ה' אלקיך'. זאָגט דער 'מאירי', ווען דו וועסט האָבן אַסאַך גוטס, וועסטו זיך גרויס האַלטן, דו וועסט האַלטן אַז עס פעלט דיר גאָרנישט, און אַז דו דאַרפסט חלילה נישט

ווייל ביים געבוירן אַ קינד שטייט אין פסוק (בראשית ג, טז) 'בעצב תלדי בנים', אָבער ביי פרנסה שטייט (שם) 'בעצבון תאכלנה'.

**פרעגט** הרה"ק רבי צדוק הכהן זי"ע פון לובלין ('פרי צדיק', פ' ויחי), אַז לכאורה וואָלט געדאַרפט זיין פאַרקערט, ווייל ווען די תורה לייגט צו אותיות צו אַ וואָרט, איז דער באַדייט דערפון צו פאַרמינערן פון דער שטאַרקייט פון דער זאַך. לויט דעם דאַרף מען פאַרשטיין, וויבאַלד דאָס וואָרט 'עצב' וואָס שטייט ביי אַ יולדת, איז דער שורש פונעם וואָרט, קומט אויס אַז 'עצבון' וואָס שטייט ביי פרנסה, קומט צו פאַרמינערן פונעם 'עצב'. אויב אַזוי, פאַרוואָס זאָגן חז"ל אַז עס איז 'דאָפּלט' אַזוי שווער ווי אַ געבורט.

**ענטפערט** הרה"ק רבי צדוק הכהן זי"ע, אַז באמת זענען די יסורים פון פרנסה טאַקע לייכטער, נאָר דער מענטש לייגט זיך אַליין צו נאָך און נאָך 'עצב' - טרויעריגקייט - מיט'ן נאָכלויפן נאָך זיין פרנסה, ווען ער פלאָגט זיך מער ווי ס'איז דער חיוב פון 'השתדלות', ווייל דעמאָלט האָט ער דאָך אַ דאָפּלטן צער ח"ו, סיי צוליב די קללה פון דעם אויבערשטען כביכול ('בעצבון תאכלנה'), און סיי צוליב די דאגות וואָס ער טוט זיך אַליין צוגעבן[ד].

---

אָנקומען צו דער השגחה פונעם באַשעפער. דו וועסט מיינען אַז ס'איז נישט דאָ אַ זאַך וואָס דו דאַרפסט מתפלל זיין דערויף, ווייל אַלעס גיט דיר דער אויבערשטער, און דאָס איז אַוודאי אַ שורש און אַ סיבה אַז מ'פאַרגעסט פונעם באשעפער, רח"ל.

**ד.** דער קלויזנבורגער רב זי"ע זאָגט ('שפע חיים', חורש"י פ' בשלח תשמ"ב), ווען אַ מענטש געפינט זיך אין אַ גרויסע צרה ח"ו און ס'איז אים ענג, זעט ער אַז ער האָט נישט קיין שום האָפענונג בדרך הטבע. ער קומט צו דער מסקנא אַז זיין חכמה וועט אים גאָרנישט העלפן, קיינער קען אים נישט אַרויסנעמען פון זיין קלעם. דעמאָלס גלייבט ער באמת אַז נאָר דער אויבערשטער אַליין קען אים ראַטעווען. **ווען דער מענטש באַשליסט זיך צו פאַרלאָזן נאָר אויף דעם אויבערשטען מיט אמת'דיגע אמונה, איז ער שוין ממילא פאַרזיכערט אַז ער וועט זוכה זיין צו אַ ישועה.** ממילא איז געווען פאַר'ן מענטש ער זאָל זיצן און זיך שטאַרקן מיט אמונה שלימה, ווייל **די אמונה אַליין וועט אים העלפן מער ווי תפילות און בקשות.** אָבער כל זמן דער מענטש רעדט זיך איין אַז ס'איז נישט אַזאַ גרויסע צרה, און אַז ער קען זיך אַליין ראַטעווען, איז ער נישט זוכה צו אַ השגחה פּרטית פון הימל, און צו זען די ישועה פון באַשעפער.

זאָגט דער קלויזנבורגער רב ווייטער, אַז דאָס האָבן חז"ל געוואָלט מרמז זיין ווען זיי האָבן געזאָגט 'קשין מזונותיו של אדם כקריעת ים סוף'. ווען דער מענטש רעדט זיך איין אַז ס'איז **'מזונותיו' - 'זיין'** שפּייז, אַז ער אַליין דאַרף זאָרגן פאַר זיין פרנסה און די אחריות ליגט אויף אים, איז עס טאַקע שווער אַזוי ווי קריעת ים סוף, ווי דער הייליגער רבי ר' אלימלך זי"ע זאָגט, אַז ווען עס פעלט פאַר דעם מענטש בטחון, שטערט עס אים צו די פרנסה. נאָר אויב דער מענטש ווייסט און ער גלייבט אַז דער אויבערשטער איז דער וואָס שפּייזט אים, און ער דאַרף טוהן נאָר אַ קליינע פעולה, איז ער זוכה צו פרנסה גרינגערהייט אָן האָרעוואַניע.

כ"ק אאמו"ר מלעלוב זצ"ל האָט מיר אַמאָל געזאָגט, **דער באַשעפער זאָל מיר העלפן, איך זאָל האָבן די מעגליכקייט משפיע צו זיין אויף אידן פרנסה, אַזוי לייכט ווי איך קען זיין אַ 'פוקד עקרות'.**

באמת, האָב איך קיינמאָל נישט פאַרשטאַנען וואָס ער האָט געמיינט צו זאָגן. צו דען איז לייכטער פוקד צו זיין עקרות, וואָס דאָס איז אַ שינוי אין דער נאַטור פון דער וועלט, ווי איידער משפיע צו זיין פרנסה? אָבער לויט ווי מיר האָבן געשמועסט קען מען דאָס פאַרשטיין, ווייל איינער וואָס איז ליידער נישט זוכה צו קינדער פאַרלאָזט זיך נישט אויף קיין דאָקטאָר, ווייל ער זעט דאָך אַז ער האָט נישט אויף וועמען זיך צו פאַרלאָזן, נאָר אויפ'ן באַשעפער. דער אויבערשטער איז דער איינציגער וואָס קען אים העלפן בדבר ישועה ורחמים בדרך נס. צוליב דעם איז ער אַסאַך מתפלל, און ער גיסט זיך אויס דאָס האַרץ מיט קאַפּיטלעך תהלים און בדמעות שליש, פאַר דעם אויבערשטען, דער 'פוקד עקרות', און צוליב דעם איז לייכטער משפיע צו זיין פאַר אים זיין ישועה.

דאַקעגן ווען עס האַנדלט זיך אין פרנסה, דער מענטש איז פאַרנומען לאנגע שעה'ן, ער פאַרזיכערט זיך אויף זיך אַליין, און ער פאַרלאָזט זיך אויף זיינע אייגענע כשרונות און אויף זיין שכל. ער רעדט זיך איין, אַז וואָס מער ער וועט אַרבעטן, וועט ער האָבן מער פרנסה בשפע. פאַר אַזאַ איינעם, איז זייער שווער משפיע צו זיין פרנסה, ווייל ביי אים איז די פרנסה אַזוי ווי קריעת ים סוף און נאָך מער פון דעם (ווייל אויך ביים ים סוף האָט מען אין אָנהייב

פרובירט צו זוכן עצות וואָס צו טוהן, און נאָר נאָך דעם ווי נחשון בן עמינדב איז אַריינגעשפּרינגען אין וואַסער ביז זיין נאָז און געשריגן צום באַשעפער 'הושיענו אלוקים כי באו מים עד נפש', האָט דער ים זיך געשפּאָלטן).

הגה"צ רבי מרדכי פּאָגראָמאַנסקי זצ"ל, איז אין די ביטערע צייטן פון דער צווייטער וועלט מלחמה געווען אין קאָוונער געטאָ. אין אַ טאָג, ווען ער איז אַרויסגעגאַנגען אויפ'ן גאַס, האָט ער באַגעגענט צוויי אידן, וועלכע זענען ליידער געווען צובראָכן ביי זיך. האָט רבי מרדכי זיי געפרעגט, פאַרוואָס זיי זענען אַזוי צוטראָגן. האָבן די צוויי אידן זיך געוואונדערט: איר זעט נישט אין וואָס פאַרא מצב מיר געפינען זיך? האָט רבי מרדכי זיי געזאָגט: 'איך וויל אייך פרעגן צוויי שאלות, און אויף ביידע וועט איר מיר מסתמא מודה זיין. אָט דאָ נישט ווייט פון אונז שטייט אַ סאָלדאַט, איז עס ריכטיג אַז ער וויל הרג'ענען אידן?' האָבן די צוויי אידן געענטפערט, אַוודאי אַז יאָ, דאָס איז דאָך זיין גאַנצע גליסטעניש. פרעגט זיי רבי מרדכי ווייטער: 'און אויב ער וועט שוין ערפילן זיין גליסטונג און הרג'ענען אַ פּאָר אידן ח"ו אָן אַ 'באַפעל' פון אַן אָפיציר פון אַ העכערן ראַנק, וועט אים עמיצער שטעלן דערפאַר צו אַ משפט?' האָבן זיי געענטפערט, אַוודאי נישט. פרעגט רבי מרדכי פּאָגראָמאַנסקי ווייטער: נו, פאַרוואָס טאַקע טוט ער נישט הרג'ענען אידן ח"ו? ער האָט דאָך אַ 'רצון' דערפאַר, און קיין 'מורא מלכות' האָט ער נישט.

- נאָר וואָס דען - האָט רבי מרדכי אויסגעפירט - מוז מען על כרחך זאָגן, אַז דאָס איז דערפאַר **ווייל דער אויבערשטער געפינט זיך מיט אונז און ער כביכול זאָגט אים, ניין, ניין, הרג'ע נישט קיין מענטשן**, און ממילא קען דער סאָלדאַט גאָרנישט טוהן. ממילא, איז ווען ער הרג'עט חלילה יאָ, איז עס נאָר דערפאַר ווייל דער אויבערשטער האָט עס געטוהן. ס'האָט אינגאַנצן נישט קיין שייכות מיט דעם סאָלדאַט זעלבסט. נישט דער רשע הרג'עט נאָר ער איז אַ שליח פון דעם אויבערשטען כביכול.

די צוויי אידן האָבן בחסדי השי"ת איבערגעלעבט די מלחמה, און שפּעטער האָבן זיי געזאָגט אַז די טייערע און הייליגע ווערטער פון רבי מרדכי פּאָגראָמאַנסקי האָבן זיי באַגלייט אין משך פון דער גאַנצער צייט ביי דער מלחמה. **זיי האָבן נישט געזען פאַר די אויגן קיין 'סאָלדאַטן', נאָר דעם אויבערשטען אַליין, ווי ער שטייט ביי זייער זייט און באַשליסט פאַר זיי יעדע מינוט וואָס עס זאָל מיט זיי פּאַסירן.**

ווי באַקאַנט, האָט הגה"צ רבי חיים מיכאל בער ווייסמאַנדל זצ"ל גאָר אַסאַך געטוהן אין צייט פון דער מלחמה פאַר הצלת ישראל, ראַטעווענדיג צענדליגער טויזנטער אידן פון די דייטשע רשעים ימח שמם. ער האָט ביי איין געלעגנהייט, געהאַט אַ מעגליכקייט צו ראַטעווען נאָך 100 טויזנט אידן, אָבער לייַדער האָבן געוויסע פאַרשוינען (לײדער מזרע ישראל) שטאַרק געשטערט זיינע הצלה-באַמיאונגען, און עס איז אים נישט געלונגען דורכצופירן די באַפרייאונג מיט דערפאָלג. דאָס האָט אים גורם געווען אַסאַך צער און עגמת נפש, און ער האָט זיך ממש נישט געקענט טרייסטן פון דעם טרויעריגן פאַקט.

איז רבי מיכאל בער אַריינגעגאַנגען צום פריערדיגן ליובאַוויטשער רבי'ן, הרה"ק רבי יוסף יצחק זי"ע, און אויסגעגאָסן פאַר אים זיין ביטער האַרץ אויף דעם וואָס ס'איז לייַדער פאַרגאָסן געוואָרן אַזוי פיל אידיש בלוט, אין דער צייט ווען מ'האָט שוין געהאַט אַ גרייטע פלאַן זיי אַלע צו באַפרייען, נאָר די 'רשעים' האָבן דאָס צוריקגעהאַלטן. ווען רבי מיכאל בער האָט געענדיגט רעדן, האָט דער רבי ריי"ץ זיך אָנגערופן צו אים:

- **און ווער האָט דאָס אַלעס געטאָן?**

ער האָט געמיינט צו זאָגן, אַז אַלעס ווערט דאָך געטוהן פון דעם אויבערשטען כביכול אַליין. די רשעים האָבן אויך נישט געקענט געבן אַפילו אַ ריר מיט'ן פינגער אויב ס'איז נישט געווען דער רצון פון באַשעפער עס זאָל אַזוי זיין, און מיר האָבן נישט די מינדעסטע השגה אין דער השגחה פרטית פון באַשעפער. רבי מיכאל בער האָט שפּעטער געזאָגט, אַז מיט די דאָזיגע ווערטער, האָט דער ליובאַוויטשער רבי זי"ע אַריינגעבלאָזן אין אים אַ נייע גייסט, און דאַן האָט ער זיך גענומען מיט פרישע כוחות צו אויפשטעלן די נייטרא ישיבה לשם ולתפארת.

ביים סוף פון יאָר תש"ג, איז פאָרגעקומען אַן אסיפת הרבנים. ביי דער אסיפה איז אויך געזעסן אַ איד אַ פּליט פון די גרויסע שוועריגקייטן... פון די גרעסטעווועטע פון דער מלחמה אין אייראָפּע, וועלכער האָט געשילדערט פאַר די אָנוועזנדע די שוידערליכקייטן וואָס די רשעים ימ"ש פירן דורך קעגן אידן טאָג טעגליך אין אייראָפּע. ביים סוף פון זיין דרשה, האָט דער איד געזאָגט מיט אַ צובראָכענעם טאָן: **'זיי טוען, און ער שווייגט'**. האָט דער גאון רבי איסר זלמן מעלצער זצ"ל, סלוצקער רב און ראש ישיבה פון דער ישיבה 'עץ חיים' אין ירושלים, וועלכער איז געווען אָנוועזנד ביי דער אסיפה, זיך צעשריגן מיט אַלע כוחות: **'זיי טוען?!... ער טוט! זיי טוען?!... ער טוט!'** (ער האָט געמיינט צו זאָגן, 'זיי' טוען דען? דער אויבערשטער טוט דאָך אַלעס מיט אַ חשבון פון הימל, וואָס מיר, מענטשן - 'קרוצי חומר' - קענען נישט אַלעמאָל פאַרשטיין).

## מה ה' אלוקיך שואל מעמך - מורא האָבן פאַרן אויבערשטן דורך מאַכן אַ גדר

### 'ועתה ישראל מה ה' אלוקיך שואל מעמך כי אם ליראה את ה' אלוקיך' וגו' (י, יא).

**שרייבט** דער 'רבינו יונה' ('שערי תשובה', שער ג', ז'): וויסן זאָלסטו אַז יראת ה' איז דער יסוד פון אַלע מצוות, ווי דער פסוק זאָגט 'ועתה ישראל מה ה' אלוקיך שואל מעמך כי אם ליראה את ה' אלוקיך'. דער אויבערשטער טוט גליסטן אין זיינע באַשעפענישן ווען זיי האָבן מורא פון אים, אַזוי ווי דער פסוק זאָגט (תהלים קמז, יא) 'רוצה ה' את יראיו'.

**די** תקנות פון די חכמים, און זייערע גדרים זענען אַ יסוד צום וועג פון יראה[ה], ווען דער מענטש מאַכט אַ גדר און אַ הרחקה כדי ער זאָל נישט אַנרירן אַן איסור פון דער תורה, אַזוי ווי דער אייגנטימער פון אַ פעלד וואָס בויט אַ צוים אַרום זיין פעלד, ווייל ער האָט מורא אַז מענטשן וועלן אַריינקומען מיט זייערע שעף און בהמות און זיי וועלן שעדיגן די תבואות אין זיינע פעלדער, אַזוי דאַרף מען מאַכן גדרים און סייגים זיך צו היטן פון אַן עבירה, אַזוי ווי דער פסוק זאָגט (ויקרא יח, ל) 'ושמרתם את משמרתי', און חז"ל דרש'ענען אויף דעם (יבמות כא.) 'עשו משמרת למשמרתי'. די גרויסע זהירות און די גדרים און הרחקות פון אַן איסור, זענען פון די עיקרים פון דער מורא וואָס אַ איד דאַרף מורא האָבן פון דעם באַשעפער[ו].

**דער** וואָס היט זיך שטאַרק מיט גדרים וסייגים, באַקומט אַ גרויסן שכר, אַזוי ווי דער פסוק זאָגט (תהלים יט, יב) 'גם עבדך נזהר בהם, בשמרם עקב רב'. און אויף דעם זאָגן חז"ל (ירושלמי ברכות פ"א ה"ד) 'חביבין דברי סופרים יותר מיינה של תורה', ווייל זייערע גדרים און

---

**ה.** דער גאון רבי שלמה זלמן אויערבאַך זצ"ל איז אַמאָל געפאָרן אין אַ טעקסי, וואָס דער דרייווער איז ליידער נישט געווען אַ שומר תורה ומצוות. אויפ'ן וועג האָט דער דרייווער געזאָגט צו ר' שלמה זלמן: די רבנים לאָזן נישט לעבן... דאָס איז אַן 'איסור גמור', און דאָס איז אַן 'איסור חמור'... פון דעם דאַרף מען זיך דערווייטערן, און פון דעם דאַרף מען זיך אָפּשיידן...

רבי שלמה זלמן האָט גאָרנישט געענטפערט דעם דרייווער. אָבער ווען ער האָט זיך אָפּגעשטעלט ביי אַ 'רויטער ליכט', האָט רבי שלמה זלמן געזאָגט: 'די וואָס זענען ממונה אויף די וועגן לאָזן נישט לעבן... דאָ טאָר מען נישט פאָרן, און דאָ מעג מען פאָרן נאָר ווען ס'איז 'גרין', אָבער ביי 'רויט' טאָר מען נישט פאָרן'...

האָט דער דרייווער געזאָגט צו ר' שלמה זלמן, 'רב לעבן, זייט מיר מוחל, צי ווייסט איר וואָס פאַר אַ געפערליכע סכנות עס זענען דאָ אין דעם פלאַץ, ווען נישט פאַר דעם רויטן לעמפל? טאָג-טעגליך וואָלטן דאָ געווען הרוגים און פאַרוואונדעטע ח"ו.

האָט ר' שלמה זלמן אים געזאָגט, 'יעצט האָסטו דעם ענטפער אויף דיין פריערדיגע טענה. אויב די רבנים זאָלן נישט גוזר זיין אַלע סאָרטן גדרים און סייגים, וועלן דאָ כסדר זיין הרוגים און פאַרוואונדעטע ח"ו **ברוחניות**, וואָס וועלן עובר זיין אויף איסורים מן התורה ממש. אָבער יעצט אַז די רבנים האַלטן צוריק דעם מענטש פון אַ סכנה, איז דאָך אַסאַך בעסער פאַר יעדן איינעם'.

**ו.** ס'איז פשוט אַז איינער פון די וויכטיגסטע גדרים איז זיך צו דערווייטערן פון אַ שלעכטן חבר, ספּעציעל אין די יעצטיגע זומער טעג (און 'בין הזמנים'), ווען עס טרעפן זיך מער שטרויכלונגען ח"ו.

אַ מורא'דיגע מעשה האָט דערציילט דער באַקאַנטער בעלזער חסיד רבי יוסף קנאָבליך ז"ל פון תל אביב, וואָס ער האָט אַליין בייגעוואוינט. אַ חסיד האָט זיך אַמאָל אָפּגערעדט פאַר הרה"ק מהר"א מבעלזא זי"ע (יומא דהילולא, כ"א אב) אויף זיין זון, אַ טייערער בחור און אַ מתמיד, וועלכער פלעגט מדקדק זיין אויף אַ 'קלה כבחמורה'. אָבער אין די לעצטע צייטן זעט מען ביי אים אַ שינוי, ער האָט זיך עפּעס 'אָפּגעקילט' פון זיין יראת שמים. ער האָט אַפּילו אויפגעהערט פאַרשטיין וואָס ער לערנט, און ער גייט ליידער מטה מטה, ה' ירחם.

האָט דער בעלזער רב זי"ע געהייסן דעם פאָטער פונעם בחור, ער זאָל זיך נאָכפרעגן ווער עס זענען זיין זונ'ס חברים. האָט דער טאַטע זיך נאָכגעפרעגט, אָבער ער האָט נישט געטראָפן ביי זיי קיין שום פּראָבלעם, אַ פאַקט וואָס איז באַשטעטיגט געוואָרן אויך פונעם ראש ישיבה פון דער ישיבה וואו דער בחור האָט געלערנט. אָבער אויך נאָך ווי דער טאַטע פונעם בחור איז צוריקגעקומען צום בעלזער רב מיט'ן ענטפער פונעם ראש ישיבה, האָט דער

גזירות זענען פון די עיקרים פון יראה, און די מצוה פון יראה ברענגט אַסאַך שכר אַזוי ווי פאַר'ן מקיים זיין אַסאַך מצוות, ווייל דאָס איז דער יסוד פון די מצוות, עכ"ל.

**אַזוי** לייענען מיר אויך אין דער היינטיגער פרשה (יא, כב) **'כי אם שמור תשמרון'**. פרעגט דער 'אור החיים' הקדוש זי"ע, פאַרוואָס זאָגט דער פסוק אַ דאָפּלטן לשון, **'שמור תשמרון'**? ענטפערט דער 'אור החיים' הקדוש, ווייל אויסער דעם עצם באַפעל צו 'היטן' די מצוות, זאָגט די תורה דאָ נאָך אַ ציווי און אַ וואָרענונג, צו מאַכן אַ היטונג פאַר די מצוות, דורך צולייגן גדרים און סייגים וואָס דערווייטערן דעם מענטש פון אַן עבירה'.

**דאָס** איז די כוונה פון פסוק, **'כי אם שמור'** - אויב איר וועט מאַכן אַ היטונג פאַר די מצוות. **'תשמרון'**

---

בעלזער רב נישט נאָכגעלאָזט, און ער האָט באַפוילן נאָך אַמאָל זיך צו אינטערעסירן ווער ס'זענען דעם בחור'ס חברים. צום סוף האָט דער טאַטע טאַקע אויסגעפונען אַז דער זון האָט אַ שלעכטן חבר, וואָס אויסערליך זעט ער אויס ווי אין אָרדענונג, אָבער אין זיין פנימיות איז ער אינגאַנצן 'דורכגעפוילט' רח"ל.

איז דער טאַטע פונעם בחור צוריק געגאַנגען צום בעלזער רב און אים געזאָגט וואָס ער האָט אויסגעפונען, און מ'האָט צום סוף אָפּגעטיילט ביידע חברים, און דער זון איז צוריק ארויף אויפ'ן דרך המלך. ער האָט זיך צוריקגעכאַפּט צו לערנען מיט התמדה און מיט יראת שמים אַזוי ווי פריער.

האָט דער בעלזער רב געזאָגט: ביי שחרית בעטן מיר צוויי מאָל געראַטעוועט צו ווערן פון אַ גוטן חבר. איינמאָל אין דעם 'ויהי רצון', 'והרחיקני מאדם רע **ומחבר רע**', און אַ צווייטן מאָל, אין דעם קומענדיגן 'יהי רצון': 'שתצילני היום ובכל יום מאדם רע **ומחבר רע**'. מ'בעט דערויף צוויי מאָל באַלד ווען מ'שטייט אויף אינדערפרי. דאָס איז דערפאַר, ווייל **אויף אַ גוטן חבר דאַרף מען אַסאַך בעטן, מ'טאָר ממש נישט אויפהערן צו בעטן.**

אַ איד אַ צדיק וואָס איז נפטר געוואָרן עטליכע יאָר צוריק, איז פאַר זיין פטירה אויפגעקומען אַ שאלה וואו מ'זאָל אים לייגן. צוליב אַ געוויסע סיבה האָט קיינער נישט געקענט ענטפערן אויף די שאלה, און בלית ברירה האָט מען געמוזט שיקן זיין ברודער ער זאָל אים אַליין פרעגן וואו מ'זאָל אים באַגראָבן. האָט דער איד געענטפערט: ס'איז מיר נישט קיין חילוק וואו מ'וועט מיך לייגן. דער עיקר, מ'זאָל מיך נישט לייגן אין די ד' אמות פון איינעם וואָס האָט ביים לעבן געהאַלטן די כלים משחיתים.

פון דעם קענען מיר אַרויסלערנען אַ מוסר השכל. אויב דער איד האָט אַזוי נישט געוואָלט ליגן נאָכ'ן אַוועקגיין פון דער וועלט נעבן איינעם וואָס האָט אַמאָל געהאַלטן אין האַנט די טמא'נע כלים, כאָטש ער קען אים דאָרט שוין גאָרנישט שאַטן, איז דאָך אַוודאי אַ 'קל וחומר, בן בנו של קל וחומר', ווי ווייט מיר דאַרפן זיך דערווייטערן נאָך ביים לעבן פון איינעם וואָס האָט אין זיין באַזיץ אַ כלי משחית און ער קוקט דאָרט וואו מ'טאָר נישט קוקן, כדי מ'זאָל נישט באַגראָבן ווערן ביים לעבן ח"ו ה' ישמרינו...

שוין אָפּגערעדט אַז מ'טאָר נישט זיצן אויף אַ באַס און דאָס גלייכן, נעבן איינעם וואָס האָט פון די כלים וואָס מ'איז מכשיל את הרבים. יעדער ווייסט דאָך וויפיל טייערע נפשות זענען ליידער אַריינגעפאַלן אין שאול תחתיות רח"ל, צוליב זיצן איינמאָל אונטערוועגנס נעבן איינעם וואָס האָט געהאַט אַזאַ כלי...

**ז.** מ'דאַרף געדענקען, אַז מיט'ן מאַכן גדרים און סייגים איז מען מקיים די מצוה פון 'את ה' אלקיך תירא', אַזוי ווי דער חסיד יעב"ץ זצ"ל זאָגט אויפ'ן לשון פון דער משנה (אבות פ"ד, מ"ב) 'בן עזאי אומר וכו' **ובורח** מן העבירה'. פאַרוואָס זאָגט ער אַ לשון **'בורח'** - אַנטלויפן, און נישט **'התרחק** מן העבירה' - דערווייטער זיך פון די עבירה, א.ד.ג.

ענטפערט דער יעב"ץ, ווען עס ברענט אַ גרויסער פייער, דאַרף מען זיך דערווייטערן פון דעם וואָס ווייטער. און צוליב דעם האָט בן עזאי געזאָגט, 'ובורח' מן העבירה, דו זאָלסט **אַנטלויפן** פון דער עבירה. דאָס הייסט, דער מענטש דאַרף ציטערן ער זאָל נישט זינדיגן ח"ו, ווייל דער יצר הרע שטייט אייביג גרייט, אים צו מאַכן זינדיגן. דאָס איז ווי אַ פלאַם פייער וואָס פאַרשפּרייט זיך ח"ו, און עס הערשט אַ גרויסע סכנה. די איינציגע עצה איז צו אַנטלויפן דערפון!

אַזוי טרעפט זיך גאָר אַסאַך אַז מ'זאָל נכשל ווערן מיט אַן עבירה, אויב מ'נעמט נישט גוט אַריין אין האַרץ און מ'ציטערט נישט מיט פחד און מיט יראה, שטייט מען ממש 'אינעם פייער', און **דער וועג צו אַנטלויפן פון דער עבירה איז דורך זיך דערווייטערן מיט גדרים און סייגים וואָס מ'שטעלט אַליין אַוועק.**

- וועט איר זיין פאַרזיכערט אַז איר וועט טאַקע היטן אַלע מצוות, אָבער אָן אַזאַ היטונג, קען מען גרינג נכשל ווערן אין טייל פון די מצוות. צום ביישפיל, די מצוה פון שבת, אויב מ'איז נישט מוסיף 'מחול על הקודש', איז דא אַ חשש אַז מ'וועט געשטרויכלט ווערן אין דער עצם מצוה פון שמירת שבת[ח].

**ליראה את ה' אלוקיך - דער גוטער שכר פאַר יראת שמים, און פאַר גדרים און סייגים**

**מיר** לייענען אין דער היינטיגער סדרה (י, יב) 'ועתה ישראל מה ה' אלקיך שואל מעמך כי אם ליראה את ה' אלקיך', דער אויבערשטער פאַרלאַנגט פון אידישע קינדער מורא צו האָבן פון אים.

---

**ח.** דער גאון רבי יצחק טובי' ווייס זצ"ל גאב"ד ירושלים, האָט דערציילט, אַז אין דער צייט ווען ער האָט געוואוינט אין אנטווערפּן וואו ער איז געווען אַ דיין, איז פאָרגעקומען פאַר אים די פאָלגענדע שאלה: אַ איד האָט געשיקט געלט צו איינעם מיט זיינס אַ פריינט. דער חבר האָט אַריינגעלייגט דאָס געלט אין זיין הויזן-טאַש, און ער האָט זיך אַרויסגעלאָזט אויפ'ן וועג. אינמיטן וועג האָט ער באַטאַפּט זיינע קליידער, און ער איז אויפגעציטערט געוואָרן ווען ער האָט געזען אַז דאָס געלט איז נישט דאָ... ער האָט געזוכט איבעראַל, אָבער 'הילד איננו'...

איז ער געקומען פרעגן רבי טובי' ווייס, אויב ער האָט דעם דין פון אַ 'פּושע' פאַרן נישט היטן געהעריג דאָס געלט, וואָס אַ 'שומר חינם' איז חייב אין 'פּשיעה', אָדער עס ווערט נישט גערעכנט אַלס אַ 'פּשיעה', וויבאַלד ער האָט עס אָפּגעהיטן אויפ'ן געהעריגן אופן ווי מ'דאַרף עס היטן. האָט רבי טוביה געענטפערט אַז דאָס ווענדט זיך וואָס פאַר א רעקל דער שליח גייט אָנגעטוהן. אויב ער טראָגט אַ לאַנגע רעקל וואָס דעקט-צו רוב פון זיין קערפּער, האָט עס נישט דעם דין פון אַ 'פּשיעה', ווייל עס האָט אים נישט געקענט איינפאַלן אַז מ'וועט עס צו'גנב'ענען (און דאָס געלט איז מסתמא אַרויסגעפאַלן פון זיין טאַש), אָבער אויב ער גייט אָנגעטוהן מיט אַ קורצע רעקל, איז ער יאָ אַ 'פּושע', ווייל ער האָט געדאַרפט טראַכטן אַז 'פירצה קורא לגנב'.

יענעם טאָג ממש, איז אָנגעקומען אַ געהויבענער גאַסט קיין אַנטווערפּן, דער באָבובער רב, הרה"ק ר' שלמה (השני) זי"ע, און ווען ער איז געקומען אויף אַ באזוך צום דיין רבי טוביה ווייס, האָט דער באָבובער רב דערציילט צווישן אַנדערן וועגן אַ דין תורה וואָס איז פאָרגעקומען ביי דעם רב פון סטרי, הגאון רבי אריה לייב הורוויץ זצ"ל, בעל 'הרי בשמים'. אַ מעקלער האָט געהיטן געלט וואָס סוחרים האָבן ביי אים באַהאַלטן, און ער האָט אַריינגעלייגט דאָס געלט אין זיין הויזן-טאַש, און דאָס געלט איז פאַרלוירן געוואָרן.

האָט דער 'הרי בשמים' גע'פּסק'נט אַז דער שומר האָט נישט דעם דין פון אַ 'פּושע'. די תובעים האָבן אָבער גע'טענה'ט אַז ס'איז דאָ אַ תשובה אין 'חתם סופר', וואו ער פּסק'ענט אין אַן ענליכן פאַל, אַז דער שומר וואָס האָט פאַרלוירן דאָס געלט, האָט דעם דין פון אַ 'פּושע'.

האָט דער 'הרי בשמים' זיי געענטפערט, אַז ריכטיג טאַג, אין פּרעשבורג, די שטאָט פונעם הייליגן 'חתם סופר' זי"ע, וואו דער גרעסטער טייל פונעם ציבור איז געגאַנגען מיט קורצע רעקלעך, האָבן די הויזן נישט אַ דין ווי 'אָפּגעהיטן', אָבער דאָ, אין אונזערע גלילות (אין גאַליציע), וואו אידן גייען לאַנגע רעקלעך, הייסט עס יאָ אַ גוטע שמירה.

ווען דער באָבובער רב האָט געענדיגט דערציילן די מעשה, האָט דער דיין רבי טובי' ווייס זיך אָנגערופן צום באָבובער רב מיט התרגשות: 'היינט האָב איך געהאַט אַזאַ שאלה'... און ער פלעגט זאָגן, אַז דאָס ווערט גערעכנט ווי אַ 'באָבובער מופת'... (געברענגט אין ספר 'רבינו הגדול אמרו' ע' ש"ה)

**לדידן ייאמר, מיר רעדן דאָך דאָ פון די 'שמירה' וואָס אַ איד דאַרף זיך היטן בקדושה. אַסאַך מאָל קענען מיר הערן ווי מענטשן רעדן זיך אָפּ, אַזוי, די נסיונות זענען דאָך אַזוי שווער, שמירת העינים א.א.וו. ווער קעןביישטיין די שווערע נסיונות... אָבער אויב מ'טראָגט אַ 'לאַנג רעקל'. דאָס הייסט, מ'האָט זיך אַרומגענומען מיט גדרים און סייגים, מ'היט זיך מיט אַ שמירה וואָס טוט 'צודעקן' דעם גרעסטן טייל פונעם גוף... מ'טוט זיך חבר'ן נאָר מיט גוטע חברים, איז אויך אויב מ'האָט אַמאָל אַ דורכפאַל ח"ו, קען דער מענטש נאָך אַלץ זיך פאַרטיידיגן אַז ער איז נישט אַ 'פּושע', און מ'וועט אים נישט קענען באַשולדיגן. אָבער אויב ער האָט נאָר קורצע 'היטערס' וואָס נעמען אַרום, ער טוט זיך נישט 'צודעקן' און ער היט זיך נישט מיט אַ געהעריגע היטונג, ער טוט זיך אַליין דערנענטערן צו דעם אָרט וואו דער 'גנב' - דער יצר הרע האָט אויף אים אַ שליטה ח"ו, קען ער דאָך נישט טענה'ן אַ 'טענת אונס', ווייל מ'וועט זאָגן אַז ער איז אַ 'פּושע' ח"ו.**

**זאָגט** הרה"ק רבי ברוכ'ל מעזיבושער זי"ע (געברענגט אין 'מקרא קודש', פון הרה"ק מהר"ש מבעלזא זי"ע), בדרך צחות: מיר געפינען ביי די הלכות פון שומרים, אז עס זענען דא פיר סארט שומרים: א שומר חנם, א שואל, א שומר שכר, און א שוכר. די הלכה פון א 'שואל' איז פיל שטרענגער ווי אלע אנדערע שומרים; ער מוז היטן דעם חפץ מיט דער העכסטער מאס זהירות, און ער איז אפילו חייב באונסין. דאָס איז דערפאַר ווייל 'כל הנאה שלו'. די גאַנצע הנאה געהערט צו אים (ער מעג זיך באַנוצן מיט'ן חפץ, כאָטש ער צאָלט נישט דערפאַר אַפילו אַ פרוטה).

**זאָגט** דער רבי ר' ברוכ'ל זי"ע, אַז דאָס איז די כוונה פונעם פסוק, מה ה' אלוקיך 'שואל' מעמך. ווי אַזוי ווערט דער אויבערשטער כביכול אַזוי ווי אַ 'שואל' לגבי דעם מענטש, 'כי אם ליראה את ה' אלוקיך'. דורך יראת שמים, ווערט דער אויבערשטער ווי אַ 'שואל', און ער ווערט מחויב כביכול אָפּצוהיטן דעם מענטש וואָס איז אַ ירא שמים פון אַלעם בייזן. ער דאַרף אים אָפּהיטן פון יעדן שאָדן, אַפילו פון 'אונסין', דאָס איז דערפאַר ווייל 'כל הנאה שלו'. דער אויבערשטער האָט דעם גרעסטן נחת רוח פון דעם וואָס אַ איד שטאַרקט זיך מיט יראת שמים, און פאַר די דאָזיגע 'הנאה' טוט דער אויבערשטער זיך מחייב זיין אַפילו אויף 'אונסין', דאָס הייסט, צו היטן דעם מענטש פון יעדן צער און שאָדן, און ער זאָל נישט האָבן שוועריגקייטן ח"ו אין לעבן.

**נישט** נאָר טוט דער אויבערשטער אָפּהיטן דעם ירא שמים פון אַלעם בייזן, נאָר ער איז משפיע אויף אים אַלע גוטע השפעות[ט], ווי עס שרייבט דער 'דעת זקנים מבעלי התוספות', אויפ'ן לשון פונעם פסוק, 'ועתה ישראל מה ה' אלוקיך שואל מעמך, כי אם ליראת את ה' אלוקיך' וגו', וואָס חז"ל (ברכות לג:) פרעגן אויף דעם 'אטו יראה מילתא זוטרתא היא'. זאָגט דער 'דעת זקנים', אַז דער פסוק גייט אַרויף אויף דעם קומענדיגן פסוק, 'לשמור את מצוות ה' אלוקיך וגו' לטוב לך'. דאָס הייסט, דער אויבערשטער פאַרלאַנגט נישט פון דיר דאָס יראת שמים, נאָר 'לטוב לך', ווייל ער וויל דיר געבן אַסאַך שכר דערפאַר, עכ"ד.

---

**ט.** אַ איד איז אַמאָל אַריינגעקומען צום סקולענער רבי'ן, הרה"ק בעל 'מאור ישראל' זי"ע, און געבעטן אַ סגולה פאַר פרנסה. האָט דער סקולענער רבי אים באַטראַכט און געזען אז דער איד דאַרף האָבן אַ שטאַרקן חיזוק אין ענינים פון יראת שמים. האָט דער רבי אים געהייסן זאָגן יעדן טאָג '**פרשת היראה**'.

האָט דער איד געטראַכט אַז דער רבי האָט אפשר נישט פאַרשטאַנען וואס ער בעט, אָדער אפשר האָט זיך דער רבי בטעות פאַרטוישט צווישן 'פרשת היראה' און 'פרשת המן'. האָט דער איד נאָך אַמאָל געזאָגט, 'רבי, איך בין געקומען בעטן אַ סגולה פאַר **פרנסה**, נישט פאַר **יראת שמים**'... האָט דער סקולענער רבי אים געזאָגט:

- דער פסוק זאָגט (תהלים קיא, ה): 'טרף נתן ליראיו'. דער אויבערשטער גיט שפייז פאַר די וואָס האָבן מורא פאַר אים. אויב אַזוי, האָבן מיר דא א פשוט'ע 'סגולה' פאַר פרנסה. **נישט סתם אַן עצה אָדער אַ ברכה, נאָר אַן אמת'דיגע 'סגולה', ווייל אויב איר וועט זאָגן 'פרשת היראה', וועט איר דאָך קונה זיין יראת שמים, און אַז איר וועט האָבן יראת שמים, וועט דער רבונו של עולם אויטאָמאַטיש אויך אויספילן אַלע אייערע געברויכן פון זיין אָפענער און ברייטער האַנט...**

עס ווערט געברענגט אין ספר 'בעל שם טוב' עה"ת (פ' לך לך, אות ג), אַז דער בעל שם טוב הקדוש זי"ע האָט נאָכגעזאָגט אין נאָמען פון רבינו סעדיה גאון, אז **דער גאַנצער תכלית פאַרוואָס אַ מענטש איז באַשאַפן געוואָרן אויף דער וועלט, איז כדי ער זאָל ברעכן זיינע שלעכטע מידות וואס ער האָט אין זיין נאַטור.**

זאָגט דער בעל שם טוב זי"ע ווייטער, אַז דאָס איז די כוונה אין די ווערטער פון חז"ל (שבת קנו.) אַז דער וואָס ווערט געבוירן דינסטאָג, וועט זיין רייך און טוהן האַרבע עבירות ח"ו. איז שווער, ווייל דאָס איז דאָך אַ סתירה, אויב איינער זינדיגט מיט האַרבע עבירות ח"ו, דאַרף ער זיין אַן אָרימאַן, נישט אַן עושר, אַזוי ווי דער פסוק זאגט (משלי ו, כו) 'כי בעד אשה זונה עד ככר לחם'.

נאָר די כוונה דערפון איז, אַ דאָ רעדט מען פון איינעם וואָס ס'איז אין זיין נאַטור צו זיין אַ בעל עבירה ח"ו, **אָבער ער שטאַרקט זיך און ער ברעכט זיין טבע. דורך דעם האָט ער זוכה געווען צו ווערן אַן עושר.** מיר זעען טאקע אזוי ביי יוסף הצדיק, אז דורך דעם וואס ער האט מלחמה געהאלטן מיט זיין יצר הרע, האָט ער זוכה געווען צו גרויס עשירות. יוסף איז דאָך געוואָרן דער משנה למלך, 'הוא המשביר לכל עם הארץ'.

דאָס מיינט, אַז דער גאַנצער תכלית פון די בקשה און פונעם ציווי אויף יראת שמים, איז פאַר די הנאה פונעם מענטש, כדי דער אויבערשטער זאָל אים שפעטער קענען געבן אַסאַך שכר, און די 'כלי מחזיק ברכה' דערצו, איז יראת שמים', אַזוי ווי דער 'רבינו יונה' שרייבט: 'ומצות היראה שכר הרבה כנגד מצוות רבות, כי היא היסוד להם'[יא].

מ'קען זיך גאַרנישט פאָרשטעלן דעם גרויסן שכר וואָס עס באַקומען די יראי שמים, וואָס זענען מוסיף אַ היטונג און אַ שמירה, און זיי מאַכן גדרים און סייגים זיך צו דערווייטערן פון יעדע זאַך וואָס איז מיאוס ברוחניות[יב], ווי דער גאון רבי שלמה קלוגער זי"ע שרייבט אין ספר 'אמרי שפר', אויף די פסוקים אָנהייב היינטיגע פרשה (ז, יב-יג), 'והיה עקב תשמעון את המשפטים

## מן הבאר

הרה"ק רבי שלמה'קע זוועהילער זי"ע פלעגט זאָגן, זעט נאָר, אין אָנהייב פון אונזער פרשה שטייען געשריבן וואונדערליכע ברכות און הבטחות אויף אַ גאָר גרויסן פאַרנעם. מ'איז זוכה דערפון אויב **'עקב תשמעון'**. זאָגט הרה"ק רבי שלמה'קע זי"ע, 'עקב' איז ראשי תיבות **ק**'דש **ע**'צמך **ב**'מותר. דאָס מיינט, אז **דורך זיך הייליגן אויך ביי זאַכן וואָס מ'מעג יאָ טוהן, איז דער מענטש זוכה צו אַלע גוטע ברכות.** דאָס איז דערפאַר וויל אין הימל פירט מען זיך - כביכול - פונקט ווי עס איז דער מנהג אין אַ באנק דאָ אויף דער וועלט. אַ מענטש קען דאָרט 'דעפאַזיטן' (איינלייגן) אַלע הנאות וואס ער האט זיך צוריקגעהאלטן דערפון, און אלעס וואס ער האט זיך געהייליגט אין זאכן וואס זענען מותר. אלס באלוינונג פאַר דעם, קען ער שפעטער 'אַרויסציען' רפואות און ישועות און אַלע גוטע השפעות, בני, חיי אריכי ומזוני רוויחי.

**י.** דער הייליגער רבי ר' אלימלך פון ליזענסק זי"ע זאָגט אין דער היינטיגער פרשה, **דער אויבערשטער האָט באַשאַפן די וועלט נאָר מיט'ן תכלית צו טוהן גוטס מיט זיינע באַשעפענישן**, נאָר זיי דאַרפן האָבן דערפאַר אַ כלי וואָס איז ראוי און מוכשר צו נעמען די טובה, פונקט ווי ווען אַ מענטש שיקט פאַר זיין חבר וויין אָדער האָניג, און ער האָט נישט אַ שיינע כלי אין וועלכער אַריינצולייגן די טייערע משקאות, באָרגט ער פון יענעם אַ שיינע זילבערנע כלי, און ער פילט עס אָן מיט'ן וויין און האָניג, און שיקט עס צום ביה"ב פון דער כלי.

די זעלבע, איז דער מענטש אַ 'כלי' צו באַקומען די שפע, און די צוגרייטונג און פאַרערכטונג פון די כלי איז די יראה און אהבה, און מקיים זיין די מצוות פון דעם אויבערשטען ווי ס'דארף צו זיין. מיט דעם ווערט דער מענטש אַ שיינע כלי, און **דער אויבערשטער כביכול 'באָרגט' פון אים די כלי, און פילט עס אָן מיט אַלעם גוטן.**

זאָגט דער רבי ר' אלימלך זי"ע, אַז דאס איז די כוונה פון פסוק, **'מה ה' אלוקיך שואל מעמך'** - ווען טוט דער אויבערשטער כביכול 'באָרגן' פון דיר דיין 'כלי', כדי עס אָנצופילן מיט זיין שפע פון ברכה. **'כי אם ליראה'** - אויב דו האָסט די 'כלי' פון יראת שמים, 'באָרגט' ער עס פון דיר, און ער פילט עס אָן מיט אַלע גוטע השפעות און ברכות.

**יא.** מיר זאָגן ביים דאַווענען שחרית ('ברוך שאמר'), 'ברוך משלם שכר טוב ליראיו'. קען מען זאָגן על דרך מליצה, איינער וואָס וויל אויפשטעלן אַ גוטע ישיבה וואו מ'זאָל קענען אויפשטעלן תלמידים לשם ולתפארת, וועט ער זיך נאָכפרעגן וועגן מחנכים וואָס זענען באַקאַנט מיט זייער פראָפעסיאָנאַליטעט, און כדי זיי זאָלן אַריבערקומען אַרבעטן אין זיין ישיבה, וועט ער זיין אָנבאָטן אַ דאָפּלטן געהאַלט ווי מ'צאָלט זיי ביז יעצט. **'ברוך משלם שכר טוב ליראיו'** - אַזוי טוט דער אויבערשטער באַצאָלן 'שכר טוב' אַ גוט שכר פאַר די וואָס האָבן מורא פון אים, וויבאַלד דער אויבערשטער גליסט זייער שטאַרק אַז אידישע קינדער זאָלן מורא האָבן פון אים.

**יב.** מיר האָבן געהערט פונעם בעל העובדא, אַ חשוב'ער יונגערמאַן פון עיר הקודש צפת תובב"א, אַז זיין בני בית האָט געזוכט אַ פלאַץ צו אַרבעטן אין 'גראַפיקס'. וואו זי האָט זיך געוואַנדן נאָך אַרבעט, האָט מען איר געהייסן אַריינשיקן אַ 'רעזומעי'. זי האָט אַזוי געטוהן, אָבער עס האָט געדויערט אַ היבשע צייט ביז איינע פון די באַקאַנטע מוסדות אין צפת צווישן היימישע אידן, האָט איר אָנגעבאָטן צו קומען אַרבעטן דאָרט.

דערציילט איר מאַן, אַז באַלד ווען זי איז אָנגעקומען אַהין אַרבעטן, איז איר נישט גוט געוואָרן ווען זי האָט געזען אַז דער אינטערנעץ איז דאָרט אינגאַנצן אפען, רח"ל... זי איז אַריינגעגאַנגען צום מנהל און אים געזאָגט, אַז

האלה ושמרתם ועשיתם אותם, ושמר ה' אלוקיך לך את הברית ואת החסד אשר נשבע לאבותיך, ואהבך וברכך והרבך וברך פרי בטנך ופרי אדמתך' וגו'. פרעגן די מפרשים, מיר האָבן דאָך אַ כלל (קידושין לט:) אַז 'שכר מצוה בהאי עלמא ליכא'. דער אויבערשטער צאָלט נישט אויף דער וועלט דעם שכר פאַר אַ מצוה, נאָר ערשט אין עולם הבא. אויב אַזוי, ווי אַזוי האָט דער אויבערשטער דאָ פאַרזיכערט אַזאַ גרויסן שכר אויף דער וועלט, "ואהבך וברכך והרבך וברך פרי בטנך ופרי אדמתך' וגו'.

**אויך** איז שווער, דער אויבערשטער באַצאָלט דאָך אייביג 'מדה כנגד מדה'. אויב אַזוי, וואָס פאַר אַ 'מדה כנגד מדה' איז דאָ אין די אַלע ברכות וואָס ווערן דאָ אויסגערעכנט אין די פסוקים? אויך דאַרף מען פאַרשטיין וואָס ער זאָגט אַ דאָפּלטן לשון: 'והיה עקב תשמעון את המשפטים האלה ושמרתם ועשיתם אותם'. 'תשמעון את המשפטים האלה', איז דאָך די זעלבע זאַך ווי 'ושמרתם ועשיתם אותם'?

**ענטפערט** דער גאון רבי שלמה קלוגער זצ"ל, ווייל דער רמב"ם זאָגט (הלכות תשובה, פ"ט, ה"א) אַ תירוץ אויף די סתירה, ווי אַזוי טוט די תורה צוזאָגן אויף מערערע פלעצער שכר אויף דער וועלט, ווי אין פרשת בחוקותי, 'ונתתי גשמיכם בעתם' (אויב עס וועט זיין 'אם בחוקותי תלכו'), און אַנדערע גשמיות'דיגע ברכות, ווייל דאָס איז נישט באמת צוליב דעם שכר פאַר די מצוה, נאָר דער אויבערשטער טוט צוזאָגן פאַר דעם מענטש וואָס וויל מקיים זיין די תורה, אַז ער וועט אים צושטעלן אַלעם וואָס ער דאַרף האָבן כדי צו קענען מקיים זיין די תורה, ווייל אָן געלט און אַנדערע השפעות פון גשמיות, קען דאָך דער מענטש נישט מקיים זיין די מצוות פונעם באַשעפער. ווי אַזוי קען אַ איד קויפן אַן אתרוג און לולב, און מצות אויף פסח, און שיקן די קינדער אין ערליכע תלמוד תורה'ס און ישיבות, אויב ער האָט חלילה נישט קיין פרנסה. אַ איד דאַרף האָבן אַ דירה צו וואוינען כדי צו קענען טוהן דעם רצון פונעם באַשעפער, און אַזוי ווייטער. אויך זאָגן חז"ל, אַז אָרימקייט טוט אַוועקפירן דעם מענטש פון זיין אייגענעם דעת און פון טוהן דעם אויבערשטען'ס רצון.

**זאָגט** רבי שלמה קלוגער, אַז לויט דעם איז פאַרענטפערט פאַרוואָס די תורה פאַרזיכערט דאָ אין פרשת עקב, די אַלע גוטע השפעות פאַר'ן מקיים זיין די מצוות, ווייל חז"ל זאָגן (יבמות כא.) אויפ'ן פסוק (ויקרא יח, ל) 'ושמרתם את משמרתי', אַז די כוונה דערפון איז מ'זאָל מאַכן אַ 'משמרת' צו דעם אויבערשטען'ס 'משמרת'.

**אויף** דעם זאָגט דאָ דער פסוק, אַז אויב איר וועט הערן די משפטים פון דער תורה דורך מאַכן גדרים און סייגים, כדי דער 'משחית' זאָל זיך נישט קענען דערנענטערן צו אייך ח"ו צו פרובירן אייך שטערן פון מקיים זיין די מצוות, וועט דער אויבערשטער אייך צוריקגעבן 'מדה כנגד מדה', און ער וועט זיך אויך

---

זי קען בשום אופן נישט אַרבעטן מיט אַן 'אָפּענעם' אינטערנעט. האָט דער מנהל איז געזאָגט, אַז מ'וועט עס ערלעדיגן ביז מאָרגן, ווייל דאָ זענען מיר דאָך אַלע 'ערליכע אידן'... פאַקטיש, אָבער, איז גאָרנישט געטוהן געוואָרן אין דעם ענין, פּטור צו ווערן פונעם אָפּענעם אינטערנעט, און אַ טאָג שפּעטער, ווען זי איז צוריקגעקומען צו דער אַרבעט, האָט זי געזען אַז ס'איז ווייטער אָפּען. האָט זי ווידער געבעטן דעם מנהל עס צו ערלעדיגן, און ער האָט איר ווידער געגעבן דעם זעלבן אויסרייד. אַלזאָ, ווען זי איז געקומען צו דער אַרבעט אויפ'ן דריטן טאָג, און געזען אַז מ'האָט עס נישט געטוישט, האָט זי אינמיטן טאָג פאַרלאָזט די אַרבעט פון יענעם מוסד, און געלאָזט וויסן פאַר דעם מנהל אַז ער קען זיך זוכן אַ צווייטע אַרבעטאָרין... זי איז אַהיימגעגאַנגען פרייליך (און אַביסל באַזאָרגט, וואָס וועט זיין מיט פרנסה), אָבער בלויז אַ האַלבע שעה שפּעטער, האָט איר 'פלאַפאָן' געקלינגען... פון דער אַנדערער זייט פונעם טרייבל, זענען געווען די אָנפירער פון אַ גרויסער באַקאַנטער צייטונג אין נתניה, וועלכע האָבן איר געזאָגט, אַז היות זי האָט פיר חדשים פריער אַהין געשיקט צו זיי איר 'רעזומעי', און יעצט האָבן זיי עס איבערגעקוקט און זיי ווילן איר אָנבאָטן צו אַרבעטן פאַר זיי, אויף פיל לייכטערע באַדינגונגען. זי וועט קענען אַרבעטן אינדערהיים, און זי וועט באַקומען אַ דאָפּלטן געהאַלט ווי מ'האָט איר אָנגעבאָטן אין יענעם מוסד...

דאָס איז דערפאַר ווייל 'אין אדם שומע לי ומפסיד' (דב"ר פ"ד, ה). קיינער האָט נישט שאָדן פון פאָלגן דעם אויבערשטען, און 'ברוך משלם שכר טוב ליראיו'!

פירן מיט איך אויף דעם אופן. אויב דו טוסט אויסטרעטן אַ וועג זיך צו היטן פון אַן עבירה, וועל איך אויסטרעטן פאַר איך דעם וועג צו קענען מקיים זיין די מצוות מיט הרחבת הדעת, איך וועל אַוועקנעמען פון איך יעדע טרידא און שטרויכלונג, ווי אָרימקייט און יסורים רח"ל, וואָס טוען אַוועקפירן ח"ו דעם מענטש על דעתו ועל דעתו קונו.

**לויט** דעם איז פאַרענטפערט וואָס דער פסוק זאָגט, אַז אויב 'והיה עקב תשמעון', איר וועט צולייגן אַ 'משמרת' און אַ גדר אויף דעם עצם חיוב פון קיום המצוה, וועט דער אויבערשטער, 'מדה כנגד מדה', איך 'היטן' און אויך צוגעבן צו דעם וואָס ער האָט שוין געשוואוירן פאַר דיינע עלטערן, 'ואהבך וברכך והרבך, וברך פרי בטנך ופרי אדמתך' וגו'.

**קומט** אויס פון די ווערטער פון רבי שלמה קלוגער, אַז כאָטש חז"ל זאָגן 'שכר מצוה בהאי עלמא ליכא', אָבער פאַר'ן מאַכן גדרים און סייגים זיך אָפּצוהיטן פון עבירות, באַקומט מען אַ גוטן שכר אויך אויף דער וועלט[יג].

**חמשה עשר באב - הכנה צום קומענדיגן יאָר הבעל"ט**

**די** גמרא זאָגט (תענית כו:) אַז עס זענען נישט געווען ביי אידן אַזעלכע ימים טובים אַזוי ווי חמשה עשר באב און יום כיפור, און די גמרא זאָגט דאָרט פאַרשידענע טעמים דערויף.

**דער** הייליגער קאָזשניצער מגיד זי"ע שרייבט ('עבודת ישראל', לט"ו באב) וועגן די גרויסקייט פון דעם יום טוב, אַז עס איז אַ צייט פון המתקת הדינים, און נישט נאָר דאָס, נאָר חמשה עשר באב איז אויף איין דרגא מיט יום כיפור[יד] (עיי"ש).

**אויך** שרייבן די ספרים הקדושים, אַז עס איז די צייט אָנצוהייבן תשובה טוהן[טו], אַלס אַ הכנה צו ראש

---

**יג.** אַזוי טייטשט דער קרעמניצער דיין זצ"ל, דער מחבר פון 'אורח מישור' אויף מסכת נזיר, אויף די ווערטער וואָס דוד המלך ע"ה זאָגט אין תהלים (יח, כא-כב) 'יגמלני ה' כצדקי וגו' כי שמרתי דרכי ה''. איז שווער, וואָס ער האָט געזאָגט 'יגמלני ה' כצדקי', מיר ווייסן דאָך אַז דער אויבערשטער צאָלט נישט שכר אויף דער וועלט פאַר אַ מצוה? איז דער תירוץ, אַז כאָטש דער אויבערשטער צאָלט נישט שכר אויף דער וועלט פאַר'ן מקיים זיין אַ מצוה, **אָבער פאַר'ן מאַכן גדרים און סייגים גיט דער אויבערשטער יאָ אַ גוטן שכר אויך אויף דער וועלט.**

דאָס האָט דוד המלך ע"ה געזאָגט, **'יגמלני ה' כצדקי'**. דער אויבערשטער זאָל מיר צאָלן שכר, און כאָטש ער צאָלט נישט שכר אויף דער וועלט פאַר קיום המצוות, אָבער **'שמרתי דרכי ה''**, איך האָב צוגעלייגט אַ שמירה צו די מצוות, דאָס הייסט, איך האָב געמאַכט 'גרעניצן' פון גדרים און סייגים צו די מצוות, און ממילא, פאַרדין איך צו באַקומען שכר פאַר די מצוות אויך אויף דער וועלט. (ספר 'טללי אורות', געדרוקט אין יאָר תרצ"ו)

דער גאון רבי יהונתן אייבעשיץ זי"ע שרייבט ('יערות דבש', דרוש טז), **אַז צו מאַכן גדרים און סייגים איז 'מסוגל' אַז די תפילות זאָלן אָנגענומען ווערן ברחמים וברצון.** ער שרייבט: באמת, ווען נישט די חסדים פון דעם אויבערשטען, דאַרף מען נישט אָננעמען די תפילות פון אידישע קינדער, ווי דער פסוק זאָגט (איכה ג, ט) 'גדר דרכי בגזית', און 'גם כי אזעק ואשוע סתם תפילתי' (שם פסוק ח), אָבער **דער אויבערשטער טוט אויפברעכן אַלע אייזערנע שלעסער, ווען די אידן מאַכן פאַר זיך גרויסע גדרים און סייגים!**

**יד.** הגה"ק רבי חיים וויטאַל זי"ע שרייבט ('פרי עץ חיים' שבועות, פ"א) **אַז מ'האָט אַסאַך מתפלל געווען אין חמשה עשר באב.** איז משמע פון זיינע ווערטער, אַז דער טאָג פון חמשה עשר באב איז מסוגל אויף קבלת התפילות.

מ'קען צושטעלן צו דעם די ווערטער פונעם 'פני יהושע' (ברכות לב., ד"ה 'דרש'), אויף דעם וואָס חז"ל זאָגן אַז משה רבינו ע"ה האָט מתפלל געווען 515 תפילות אַז ער זאָל זוכה זיין אַריינצוקומען אין ארץ ישראל, **אַז ער האָט אָנגעהויבן מתפלל זיין 'ואתחנן אל ה'', אין דעם טאָג פון חמשה עשר באב...**

**טו.** איינער פון די טעמים פאַרוואָס חמשה עשר באב איז געווען אַזאַ גרויסער יום טוב ביי אידן, ווייל דעמאָלס זענען די בנות ירושלים אַרויסגעגאַנגען אויף דער גאַס מיט געבאָרגטע שיינע ווייסע קליידער (נישט צו פאַרשעמען איינע וואָס האָט נישט קיין טייערע קליידער), און געזוכט אַ שידוך, זאָגנדיג 'בחור שא נא עיניך' וגו'.

שרייבט אויף דעם הרה"ק בעל 'בית אהרן' זי"ע, אַז דאָ איז מרומז, אַז דער אויבערשטער איז מוחל פאַר די אידן אַלע עבירות וואָס זיי טוהען, דורך זייער תשובה, און ער טוט זיי 'אויסבאָרגן' זכותים כדי זיי זאָלן האָבן אַסאַך זכותים.

השנה הבעל״ט[טז], ווי עס שרייבט דער הייליגער בעל הפלאה זי״ע אין 'פנים יפות' (פ' אחרי), אַז דאָס בעסטע איז, אַז מ'הייבט אָן צו תשובה טוהן שוין אנגעהויבן פון חמשה עשר באב.

דאָס איז די כוונה פונעם די ווערטער פון חז״ל 'כדי שלא לבייש את מי שאין לו', אַז דאָס גייט אַרויף **אויף אַ מענטש וואָס האָט נישט קיין אייגענע זכותים.**

דאַרפן מיר זיך מתבונן זיין אין דעם, ווי ווייט מיר דאַרפן זיך היטן צו זיך האַלטן 'ווייס' און ריין, דורך תשובה און מעשים טובים.

**טז.** צדיקים האָבן געזאָגט, אַז אנגעהויבן פון חמשה עשר באב הערט מען שוין 'רוקן די בענקלעך' ביים בית דין של מעלה, און מ'גרייט זיי צום יום הדין. אַסאַך אידן פירן זיך טאַקע צו ווינטשן אַ 'כתיבה וחתימה טובה' שוין פון חמשה עשר באב, און עס ווערט געברענגט אַז די ווערטער 'כתיבה וחתימה טובה', באַטרעפן געגוי וויפיל די ווערטער 'חמשה עשר באב'. און אויב מ'טוט אין הימל שוין צוגרייטן און מ'הייבט שוין אָן צו מאַכן די הכנות צום ראש השנה, איז דאָך נישט מער ווי רעכט אַז אויך דאָ, אויף דער וועלט, זאָל מען שוין אָנהייבן 'רוקן די בענקלעך'...

## מן הבאר

הרה״ק רבי יעקב משה פון קאַמאַרנא זי״ע האָט נאָכגעזאָגט (געברענגט אין קובץ 'הבאר', כרך א' ב' שנה ט״ו, (געדרוקט אין יאָר תרצ״ו) אין נאָמען פון אַ איד וואָס האָט עס געהערט פונעם קאַמאַרנער) וואָס ער האָט געהערט פון הייליגן טריסקער מגיד זי״ע, אַז ער האָט בקבלה פון זיין זיידן, הרה״ק רבי נחום טשערנאָבילער זי״ע, בעל 'מאור עינים', אַז ער האָט מקבל געווען פונעם בעל שם טוב הקדוש זי״ע, אַז **לויט וויפיל מאָל איינער ווינשט דעם אַנדערן אַ 'כתיבה וחתימה טובה' פון חמשה עשר באב ביז ראש השנה, אַזוי פיל מליצי יושר האָט ער אין הימל ווען עס קומען די טעג פון ראש השנה**, ווען 'כל באי עולם עוברים לפניו כבני מרון', און זיי וועלן מלמד-זכות זיין אויף אים ביי דעם אויבערשטען.

אויך דערציילט מען, אַז אַ פּחד און מורא האָט אַרומגענומען דעם הייליגן בעלזער רב מהר״א זי״ע ווען עס איז געקומען דער טאָג פון חמשה עשר באב און ווייטער, אויף אַזוי ווייט, אַז מ'האָט אים געדאַרפט צודעקן מיט דיקע קאָלדרעס, מער ווי אַ גאַנץ יאָר.

אַמאָל האָט דער בעלזער רב זי״ע טאַקע געזאָגט, אַז ווען ער איז געווען יונג, האָט זיין שוועסטער אים געזאָגט אַז פון שבת מברכין חודש אלול ציטערן אַפילו די פיש אין ים פון פחד פונעם יום הדין, האָט ער געטראַכט ביי זיך, אַז מה דאָך די פיש, וואָס זיי פאַרשטייען נישט צופיל וועגן דעם משפט וואָס קומט פאַר אין ראש השנה, ציטערן פאַר פחד שוין פון שבת מברכים חודש אלול, איז דאָך אַוודאי געוויס אַז מיר, וואָס מיר ווייסן יאָ אַז שוין פון חמשה עשר באב גרייט מען שוין די בענקלעך ביים בית דין של מעלה, דאַרפן מיר אַוודאי און אַוודאי ווערן פול מיט פחד און ציטער.

אגב, אַ סאָלדאַט אין דער אַרמיי פונעם רוסישן צאַר ניקאָלאַי ימ״ש, איז אַמאָל ביינאַכט געגאַנגען אויפ'ן גאַס, און ער האָט באַמערקט אַ שיכור וואָס דרייט זיך אויף די גאַסן. איז דער סאָלדאַט צוגעגאַנגען צו אים און אים געפרעגט ווי אזוי ער הייסט, אָבער יענער האָט אים נישט געענטפערט. דאָס האָט זיך אַזוי איבערגע'חזר'ט עטליכע מאָל, ביז דער סאָלדאַט האָט אים אָנגעשריגן, זאָגנדיג, וויסן זאָלסטו, אַז איך בין פון דער צאַרישער אַרמיי, און איך באַפעל דיך אַז דו זאָלסט מיר זאָפאָרט זאָגן ווי אַזוי דו הייסט. דער שיכור האָט אים אָבער ווייטער נישט געענטפערט. האָט דער סאָלדאַט אַרויסגענומען זיין שווערד, און אים געשטאָכן און פאַרוואונדעט. שפּעטער האָט דער שיכור גערופן דעם סאָלדאַט אין געריכט פאַר דעם וואָס ער האָט אים אומזיסט פאַרוואונדעט. ביי דעם משפט, האָט דער סאָלדאַט אים געמאָנט אַז ער האָט ווידערשפּעניגט זיין באַפעל ווייל דער שיכור האָט אים נישט געענטפערט און נישט געוואָלט אויסזאָגן זיין נאָמען. דאַקעגן, דער שיכור האָט גע'טענה'ט, דו האָסט דאָך אַליין געזען אַז איך בין געווען שיכור און איך האָב נישט געהאַט קיין שליטה אויף זיך. וואָס פאַר אַ טענה קען מען האָבן אויף אַ שיכור, וואָס ווייסט נישט 'בין ימינו לשמאלו'. האָט דער סאָלדאַט זיך צעשריגן: "אָבער איך האָב

**אַזוי** שרייבט אויך דער 'קדושת לוי' זי"ע (ליקוטים, ד"ה 'מחמשה'), אַז אדם הראשון איז דאָך באַשאַפן געוואָרן כ"ה אלול, קומט אויס אַז חמשה עשר באב איז אין אַ בחינה פון פערציג טעג פאַר 'יצירת הולד'. קומט אויס, אַז די התחלה פונעם קומענדיגן יאָר הבעל"ט, איז שוין אין די יעצטיגע טעג.

**מיר** געפינען אין די ספרים אַ רמז אויף די פסוקים (דברים כט, ט-יא) 'אתם נצבים היום כולכם לפני ה' אלוקיכם וגו', מחוטב עציך עד שואב מימיך, לעברך בברית ה' אלוקיך'. 'חוטב עציך' איז מרמז אויף חמשה עשר באב, וואָס דעמאָלס האָט מען אויפגעהערט האַקן האָלץ פאַר די 'מערכה' אויפ'ן מזבח אין בית המקדש (תענית לא.), און 'שואב מימיך' איז מרמז אויף הושענא רבא, דער טאָג ווען מ'האָט אויפגעהערט צו גיסן וואַסער אויפ'ן מזבח אין יום טוב סוכות. די אַלע טעג פון חמשה עשר באב ביז הושענא רבה, איז אַ בחינה פון 'אתם נצבים וגו' לפני ה' אלוקיכם', און דער תכלית דערפון איז, 'לעברך בברית ה' אלוקיך'".

**דער** 'אור המאיר' זאָגט (תחילת דרוש לראש השנה, און ענליך זאָגט אויך דער פנים יפות', פרשת אחרי) אויפ'ן פסוק (קהלת יב, א-ב) 'וזכור את בוראך וגו' עד אשר לא תחשך השמש והאור והירח'. אַז שלמה המלך ע"ה קומט אונז לערנען, אַז דער מענטש דאַרף נתעורר ווערן אייביג צו געדענקען דעם אויבערשטען. א) 'עד אשר לא תחשך' - איידער עס וועט קומען דער טאָג וואָס 'תש כח' (אותיות 'תחשך'), ווען עס הייבט אָן אָפּגעשוואַכט צו ווערן דער כח פון די זון (וואָס איז שטאַרק אין די זומער-טעג). ב) אויך זאָלסטו געדענקען דיין באַשעפער איידער עס קומט דער 'ירח', וואָס דאָס גייט אַרויף אויף חודש אלול, ווי עס שטייט אין 'זוהר חדש' (דף צו:), אויפ'ן פסוק 'ובכתה את אביה ואת אמה ירח ימים', אַז 'ירח ימים' איז מרמז אויף חודש אלול.

**מיר** זענען מתפלל צום הייליגן באַשעפער, מיר זאָלן זוכה זיין צו ווערן נאָענט צו אים, ללכת בדרכיו וליראה אותו, און צו אַלע ברכות וואָס ווערן דערמאָנט אין דער תורה, מיט אַ כתיבה וחתימה טובה אמן.

---

דאָך דיר קלאָר געזאָגט אַז איך בין אַ סאָלדאַט אין דער צאַרישער אַרמיי. בלויז פונעם הערן דערמאנען דעם נאָמען פון צאַר, האָסטו זיך געדאַרפט אויסטשוכען פון דיין שיכרות..."

**לדידן ייאמר, אַפילו איינער וואָס איז 'שיכור', נישט פון וויין, נאָר ער איז פשוט צעטומלט פון זיינע טירדות און אַנדערע צרות א.א.וו., דאַרף ער זיך אויסטשוכען און עס דאַרף אים אַרומנעמען אַ ציטערניש ווען מ'דערמאַנט חודש אלול**, ווי הגאון רבי ישראל סאַלאַנטער זצ"ל שרייבט ('אור ישראל', אגרת יד), אַז אין די פריערדיגע צייטן, האָט יעדן איד אָנגעכאַפּט אַ ציטער ווען מ'האָט אויסגערופן 'חודש אלול'.

אַזוי ווערט געברענגט אין ספר 'תולדות החפץ חיים' (ע' קח) אַז אַ רב, אַ גדול, האָט דערציילט, אַז עס איז אים אַמאָל אויסגעקומען צו דאַוונען צוזאַמען מיט'ן 'חפץ חיים' זי"ע אין שול שבת מברכים חודש אלול, און ווען דער חזן האָט נאָר אָנגעהויבן זאָגן די ווערטער 'ראש חודש אלול יהיה ביום החמישי', איז דער 'חפץ חיים' געוואָרן אויפגעציטערט מיט'ן גאַנצן הייליגן גוף. ער האָט אויסגעבראָכן אין אַ יאָמערליכן געוויין, אַזש אַלע מתפללים זענען דערציטערט געוואָרן מיט'ן פחד פאַר'ן יום הדין.

**יז.** מ'דאַרף וויסן, אַז אין חמשה עשר באב, איז מען משפיע פון הימל וואונדערליכע כוחות פאַר יעדן איד, אַז ער זאָל זיך קענען באַנייען אין עבודת השם, ווי דער 'עבודת ישראל' זאָגט אויף איינעם פון די טעמים וואָס ווערן דערמאנט אין דער גמרא פאַרוואָס חמשה עשר באב איז אַזאַ גרויסער יום טוב, ווייל דעמאָלס האָבן די אידן אין מדבר אויפגעהערט צו שטאַרבן.

זאָגט דער הייליגער קאָזשניצער מגיד זי"ע, אַז דאָס איז אַ רמז אויף די **אַלע אידן וואָס זענען אין דער בחינה פון 'טויטע' ח"ו, און יעדעס וואָרט ביי זיי איז אָן אַ חיות אין עבודת השי"ת. יעצט זענען די דאָזיגע 'מתי מדבר' געשטאָרבן!** און עס ווערט אַריינגעגעבן אין זיי אַ נייער גייסט פון לעבן.

קען מען צולייגן אַ כוונה אין זיינע הייליגע ווערטער, ווייל דער טאָג פון חמשה עשר באב איז דאָך דער אָנהייב פון התחזקות אין לימוד התורה, און חז"ל זאָגן 'גדולה תורה שנותנת חיים לאדם', און אין זכות פון דעם וואָס מ'לערנט מער תורה, איז מען זוכה צו 'תחיית המתים'...

# יהי מורא שמים עליכם

דער מגיד מישרים הגה"צ רבי יאַנקעלע גאַלינסקי זצ"ל, האָט דערציילט די פאָלגענדע מעשה:

- ווען איך בין געווען אין ביאַליסטאָק, בין איך אַמאָל פאַרבייגעגאַנגען אַ שפּיטאָל פאַר גייסטיג קראַנקע ל"ע. דורכגייענדיג דאָרט האָב איך געהערט ווי צוויי אידן רופן מיך ביים נאָמען. בין איך צוגעגאַנגען צו זיי, און זיי האָבן זיך אויסגעווייינט פאַר מיר אויף זייער ביטערן גורל, אַז זיי זענען ב"ה געזונט און ביים פולשטענדיגן שכל כאחד האדם, און נאָר צוליב נישט-ריכטיגע בלבולים האָט מען זיי אַריינגעוואָרפן דאָ אין דעם שרעקליכן שפּיטאָל. זיי שרייען און וויינען, אָבער קיינער קוקט זיך נישט אום און מ'העלפט זיי נישט אַרויסצוגיין פון דאָ.

- האב איך אָנגעהויבן רעדן מיט זיי דברי חיזוק, צו שטאַרקן זייער אמונה אַז 'כל מה דעביד רחמנא לטב עביד'. אויך יוסף הצדיק איז געזעסן צוועלף יאָר אין תפיסה, און דייקא פון דאָרט איז ער געוואָרן גרויס... אַזוי האָב איך געשמועסט מיט זיי אַ לאַנגע שעה, אין גאָר אַ גוטע אַטמאָספערע, ווי זיי וואָלטן געווען אמת'דיגע בעלי דעת. ביים סוף פון אונזער געשפּרעך האָב איך זיי צוגעזאָגט, אַז איך וועל טוהן אַלעס וואָס אין מיינע מעגליכקייטן זיי אַרויסצונעמען פון דאָ אויף דער פריי.

- ווען מיר האָבן געענדיגט שמועסן, האָט איינער פון זיי געבעטן אַז איך זאָל אים ארויסנעמען פון דאָרט וואָס פריער, ווייל דאָס האַלט צוריק די גאולה. ער איז 'משיח', און אַזוי לאַנג ווי ער איז איינגעשפּאַרט אין דעם משוגעים הויז קען ער נישט קומען אויסלייזן די אידן פון גלות...

- האָט דער צווייטער זיך אָנגערופן און געזאָגט צו מיר: 'מאכט אייך נישט צו טוהן פון אים, ווייל ער איז נישט משיח... צי מיינט איר אַז משיח קען אַליין קומען און זיך אַנטפלעקן. דער אויבערשטער דאַרף אים באַפעלן צו קומען, און איך האָב אים נאָך נישט באַפוילן אַנטפלעקט צו ווערן'...

און רבי יאַנקעלע גאַלינסקי האָט צוגעגעבן: יענע מינוט האָב איך באַגריפן וואָס דאָ קומט פאָר. די צוויי פאַרשוינען געפינען זיך גענוי אין דעם אָרט וואו זיי געהערן... ער האָט אויסגעפירט:

- אַ לאַנגע צייט האָב איך גערעדט מיט די צוויי אידן אַזוי געשמאַק. זיי האָבן מיר אויסגעזען ווי נורמאלע מענטשן, נאָר ביים סוף פונעם שמועס האָב איך געזען אַז זיי זענען ליידער משוגע ל"ע. זיי זענען פשוט פול מיט דמיונות.

דאָס זעלבע איז מיט'ן יצר הרע, דער 'מלך זקן וכסיל'. פריער רעדט ער כלומר'שטע 'דברים של טעם'. ער זאָגט וואונדערליכע סברות, אָבער ווען מ'באַטראַכט וואָס ס'איז דער תכלית פון אַלע זיינע ווערטער און וואָס ס'איז די 'אונטערשטע שורה' דערפון, צי מ'הערט פון זיינע ווערטער עפּעס אַ מכשול און אַ ירידה, אַ וואָרט וואָס צילט אַריינצוברענגען אַ קאַלטקייט צו אַ דבר שבקדושה, ווייזט עס קלאָר, אַז ער איז דער זעלבער 'מלך זקן וכסיל' וואָס באַלאַנגט ממש נישט צווישן מענטשן... און אויף דעם זאָגט שלמה המלך ע"ה (קהלת יב, יג) '**סוף דבר** הכל נשמע'. דו זאָלסט זיך מתבונן זיין אין דעם סוף פון זיינע ווערטער, אויב עס קומט אַרויס פון זיי אַז '**את האלקים ירא**' וגו', איז אַ ראיה אַז ער איז כאחד האדם, און אויב נישט, זאָלסטו איבערלאזן דעם משוגענעם אין זיין 'משוגעים הויז'...